STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11377

SHARFZIN, MAY KA MASHMA LAN

Aaron Chait

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שארפזין

אַ אוצר פון תורה, חכמה, אידיש און וועלטליך וויסען

אין רעטענישען, אויפגאבען און פראבלעמען

פארפאסט, געזאמעלט און צוזאמענגעשטעלט פון

אהרן חיים

ארויסגעגעבען פון

„שארפזין פובליקאציע פאר"

1954 נ״י יארק

Copyright by Aaron Chait

New York 1954

All rights reserved
נאָכדרוק אָדער געברויך אויף דער ראַדיאָ,

אינגאַנצען אָדער אפילו טיילווייז,

אָן דער שריפטליכער ערלויבעניש פון מחבר,

שטרענג פארבאָטען

באַמערקונג: צוליב דעם, וואָס אין דעם ספר געפינען זיך די שמות הקדושים, ווערען די לעזער געבעטען נים נוצען אים פאַר קיין תשמיש בזוי, און גונז זיין די בלעטער, אויב דער ספר ווערט צוריסען.

שאַרפֿזין



אהרן חיית

שאַרפֿזין

אינהאלט

	זייט
פאָרוואָרט פון מחבר	א - ב
רעטעניש׳ען ביי אידען	ג - ד
צייט-פּראָבלעמען, און חכמות פון קינדער	1
פליטערלאך פון די סדרות	5
ביבלישע און פאָלקס-רעטענישען	29
חידות בחרוזים	33
לומדי׳שע שיחת חולין, שאלות ותשובות, פאָלקלאָר	37
אילוסטרירטע רעטענישען	45
מאַטעמאַטישע אויפגאַבען און איינפאַלען	53
ענטפערס	57
שעד הכבוד	82
די שטים פון פאָלק	88
רעצענזיע אין „אמעריקאנער"	90
בילדער פון ספאנסארס	91
תיקונים	96

ב"ה

פאַרוואָרט פון מחבר

מיט א באוואוסטזיין פון ערלאכע כוונות און וויכטיגער דינסט צו ג-ט ברוך הוא, תורה, פאלק און לאנד, און מיט דאנק און לויב צו השם יתברך פאר דעם גרויסן פערזענליכען זכות און זכוי הרבים, פרעזענטירען מיר צו דעם אידישען לעזער — מיט באשיידענעם שטאָלץ און אויפריכטיגער פרייד—אונזער ספר'ל, „שארפזין", באזירט אויף אונזער רעגעלמעסיגער וועכענטליכער „שארפזין ווינקעל" קאָלום אין דעם „אמעריקאנער" פאר די לעצטע עטליכע יאהר, אין דער העברעאישער און אויך אידישער שפראך.

אונזער „שארפזין ווינקעל", וואס איז אויפגענומען געווארען מיט גרויס ענטציקונג און טיפען אינטערעס דורך אלט און יונג אין אלע עקען וועלט, איז איבעראל באטראכט געווארען אלס אריגינעלער פארזוך צו באהאנדלען תורה, חכמה, אידיש און וועלטליך וויסען, טראדיציע, דינים און מנהגים, געשיכטע און געגענווארט, אין אן אמוזירענדער פארם, אלס א„ספארט" און גימנאסטיק פאר'ן מח, אלס ערפאלגרייכער פעדאגאגישער מיטעל צו פארשפרייטען לעהרע, בילדונג און ידיעות דורך רעטענישען און איינפאלען, המצאה, קונץ און שפיל. אונזערע לעזער האבען דעריין אויך איינגעזעהן אן ערפאלג-רייכען מיטעל זיך צו באקענען ניט בלויז מיט די מקורות פון אונזער תורה הק' און פארשיידענע צווייגען פון וועלטלאכע וויסענשאפטען, נאר טאקע אויך מיט דער אידישער און העברעאישער שפראך.

עס איז אונזער האפענונג, אז אונזער איצטיגע בוך-פארם אויס-גאבע פון „שארפזין" וועט האבען דעם זעלבען ענטוזיאסטישען קבלת פנים, די זעלבע גוטע מערכה און מזל-ברכה ביי די לעזער פון ספר, ווי דער קאָלום אויף די שפאלטען פון „אמעריקאנער". מיר גלויבען, אז אָט דער אריגינעלער ספר, א פנים חדשות אויפ'ן אידישען ביכער-מארק, וועט זיין א גרוים געווינס פאר יידעם און באבעס, טאטעס און מאמעס, זין און טעכטער, קינדער און קינדס-קינדער, און וועט ווערען דער פריינט פון דער אידישער היים און פאמיליע, דער חבר פון יונג און אלט, די צירונג פון יעדער אידיש הויז און דער יחסן פון יעדער אידישען ספרים-שראנק. פארגעבראכט אין א לייכטער פארם, אין א גייסט פון אמת'ער פאלקסטימליכקייט, וועט אונזער „שארפזין" האפענטליך טאקע שארפען אידישע מחות און לייטערן אידישע הערצער.

גלייכצייטיג פילען מיר, אז אַז די אויסגאבע איז א וויכטיגער פעדאגאגישער אויפטהו פאר אידישע שולעס, הויפטזעכליך תלמוד תורה'ס און ישיבות, אלס פארווײלענדע מעטאדע צו אפפרישען ביי די תלמידים דאס לערנען און ידיעות דורך חזרה איבער דעם דורכגע־שטודירטען מאטעריאל מיט דער הילף פון רעטעניש, פארוויילונג און שפיל.

מיר האבען אויך באגרינדעטע אויסזיכטען, אז אויזאַ ספר וועט געפינען א ווארימע אויפנאמע ביי אידען ארום בית־מדרש טישען, וואו עס ווערט געלערנט א פרשה חומש, קאפיטעל תנ"ך א. א. וו.

אין דער אויסגאבע פון דעם ספר האבען אונז פיל ארוים געהאל־פען אונזערע פריינט און לעזער, און מיר נוצען אויס די געלעגענהייט אויסצודריקען אן עפענטליכען דאנק: צו דעם פאבלישער און רעדאק־טאר פון „אמעריקאנער" פאר דער העפליכקייט פון דרוקען אונזערע ווענדונגען צו די לעזער; א יישר־כח צו אונזערע לעזער, טרעפער אוןביישטייערער פאר צושיקען זייערע רעטענישען, ווי אויך פאר אנ־שליסען זיך אין דער הילפס־קייט און ווארימען אפרוף צו דעם „שארפ־זין פובליקאציע פאנד". און א ווארט פון הכרת תודה צו דעם באגאבטען ארטיסט, ר' וואלף גאטעסמאן פון ברוקלין, וועלכער האט געצייכענט דעם שער־בלאט און פיל אנדערע געמעלען אין ספר.

א דאנק די מייסטער־דרוקער „שולזינגער ברידער" פאר טעכ־נישער הילף; דעם קאליגראף, מאָריס ווייס, פאר צירקלען די אותיות פון די אינווייניגסטע שערים, און דוד חיט, פאר דרוק־ארבעט.

מיט א הייסער תפילה אויף די ליפען, אז די שכינה זאל רוען אויף אונזער ווערק, און אז עס זאל דערגרייכט ווערען אונזער אמת'ער באַ־געהר להגדיל תורה ולהאדירה, גיבען מיר איבער אונזער ספר אין די הענט פון דעם ברייטען אידישען עולם, „לא ימוש הספר הזה מפיך והגית בו יומם ולילה"!

„יגעת מצאת — תאמין!"

שנת התשי"ד תורה, שקידה, יגיעה, דעת

אהרן חיים

רעטענישען ביי אידען

(געשיכטליכער איבערבליק)

לולא חרשתם בעגלתי
לא מצאתם חידתי

(שופטים י"ד ח')

א רעטעניש אדער חידה (אין העברעאיש) איז אן אלעגארישע שפראכליכע פארם פון א פראגע, וועלכע אינטריגירט דעם טרעפער'ס געדאנק און מח, באוועגט זיין נייגער און ברענגט זיין ענטפער אויף דעם באטרעפענדען פראבלעם. דאס איז אייגענטליך א מעטאדע פון כשר'ער פראוואקאציע, א געוועט פון „קנאת סופרים", וואס איז „מרבה חכמה". א מעטאדע צו סטימולירען די אמביציע פון זוכען, פארשען און לערנען כדי צו קענען געבען דעם ריכטיגען ענטפער.

מיט דעם אויסדרוק פון „חידות" טרעפען מיר זיך שוין אין חומש ביי משה רבנו, ווען דער רבונו של עולם קאמפלימענטירט דעם אדון כל הנביאים, אז ער באווייזט זיך צו אים „מראה ולא בחידות" (במדבר, בהעלותך, יב, ח), וואס מיינט די פריווילעגיע פון קלארקייט און באשיינפערליכקייט, און ניט פון פארשטעלטער פארשטעלונג. דערפון איז צו זעהן, אז חידות זיינען אייגענטליך אן אלעגארישער לבוש פאר א געדאנק, וועלכען מען דארף ערשט צוטרעפען.

דאס ווארט „חידה" ווערט אויך דערמאנט ביי שמשון הגבור אין זיין פארוועט מיט די פלשתים „אחודה נא לכם חידה", וואו ער פרעגט זיי די רעטעניש פון „מהאוכל יצא מאכל ומעז יצא מתוק", מיינענדיג האניג אין דעם טויטען קערפער פון א לייב. ווען זיין פרוי פארראט צו די פלשתים דעם ענטפער אויף דער חידה, וועלכען זי האט אויסגעקליגעלט דורך אן אינטריגע פון איר מאן, ווארפט זיי שמשון פאר, אז זיי ווייסען דעם ענטפער דערפאר, וואס זיי האבען זיך באנוצט מיט דער פארמיטלונג פון זיין פאררעטערישער פרוי: „לולא חרשתם בעגלתי, לא מצאתם חידתי" (שופטים, יד, ח). זאל דערביי באמערקט ווערען לויט דעם פירוש פון מצודת דוד און מצודת ציון דארט אויפ'ן פלאץ, אז „חרשתם" מיינט ניט בלויז דאס בוכשטעבליכע ווארט פאר אקערן, נאר אויך צו טראכטען מהשבות פון לשון „חרש". ווידער א באווייז אז דער געדאנקען-גאנג אין דעם ריכטיגען וועג איז א וויכטיגער פאקטאר פאר אן ענטפער צו א רעטעניש.

ניט בלויז איז די רעטעניש ביי שמשון הגבור געווען א סטראטע־גישער מאַנעוור אין קאַמף מיט די פלשתים, נאָר אפילו א גאַנצע דינאַסטיע און פאָלק איז געגרינדעט געוואָרען דורך רעטענישען. אזא פאַל איז געשעהן מיט מלכת שבא, וועלכע איז געקומען צו שלמה המלך, דעם חכם מכל אדם, צו פרעגען רעטענישען און פון דעם תיס־טאַרישען „קוויז" איז ארויסגעקומען דער שידוך ביי זיי[illegible] יידען, און דער אָפּשטאַם פון אונזערע שווארצהויטיגע ברידער, די אביסינישע אידען, דער וואָרצעל פון א נייער אידישער ר[illegible].

מיר געפינען אויך דאָס וואָרט „חידה" ביי יחזקאל הנביא ווען השם יתברך האָט אים געהייסען „חוד חידה" (יחזקאל יז, ב), וואו נבוכדנצר ווערט פארגליכען צו אן אדלער און יהויקים מלך יהודה מיט זיינע גבורים צו א צווייגען־קרוין פון א טענענבוים. ווי עס איז צו זעהן, איז אפילו א פּאָליטישע נבואה געווען פארשלייערט און פאר־וויקעלט אין א רעטעניש.

מיר געפינען אויך רעטענישען אין תלמוד בבלי, ווי אויך אין תלמוד ירושלמי. רעטעניש־פאָרם האָט באַקליידט דאָס געשפרעך פון יהודה הנשיא מיט דעם קיסר פון רומא מארק אורעליוס וועגען אַנ־פילען זיינע ליידיגע קאסעס. מיר טרעפען רעטענישען ביי די חכמי ישראל מיט די סבי דבי אתונא (בכורות ח ט), ביי די ילדי ירושלים, ווי אויך אין די מסכתות סנהדרין,יב; עירובין, נג; שבת, קנב, א. א. וו.

אין דער מיטעלאלטערליכער אידישער פּאָעזיע געפינען מיר רעטענישען ביי די בארימטע משוררים משה אבן עזרא, אברהם אבן עזרא, ר' יהודה הלוי, אל־חריזי, א. א. וו. אויך די באַריטמע אלעגאָריע פון „חד־גדיא" אין דער הגדה האָט אין זיך עלעמענטען פון א רעטע־ניש.

ווי עס איז צו זעהן פון די אויבען־געבראכטע פאַקטען, האָט א חידה שטענדיג געשפּילט א וויכטיגע ראָלע, אלס ערשט־קלאַסיגער פאַקטאָר אין גאָר ערנסטע פּראָבלעמען פון אידישען לעבען אויף זיין לאַנגען, טויזענטער־יאָריגען געשיכטליכען וועג.

רעטעניש און חידה איז אויך היינט־צו־טאָג א פונדאמענטאלער טייל פון אונזער פאָלקלאָר, א וויכטיגער באשטאנד אין דעם גרויסען בנין פון דער אייביגער אידישער תורה, חכמה, שפּראַך און קולטור.

א. ח.

שארפזין

צייט



פּראָבלעמען

חלק א׳

צייט שאַרפזין פּראָבלעמען

חלק א׳

1 וואו און ווי אזוי איז לעצטענס
עפענטליך געזען געוואָרען דער
לענגסטער „ריבאָן“ אין דער וועלט
און אונטער וועלכע אומשטענדען?

2 „והוא ימשול בה“ איז דער פּרינ־
ציפּ וואָס איז פעסטגעשטעלט גע־
וואָרען נאָך אין מעשה ימי
בראשית. איז אבער לעצטענס גע־
שען א בארימטע פּאסירונג אין
דער קריסטליכער וועלט, וואו עס
איז פאָרגעקומען פונקט דאָס פאר־
קערטע: א מאן האָט געשוואָרען צו
זיין אן אונטערטאן צו זיין ווייב
בפני כל עם ועדה. אגב, שפּרייט
זיך איצט אויס זיין ווייב׳ס ממשלה
איבער נאָך 600 מיליאָן מענשען.
וועגען וואָס און וועמען האנדעלט
זיך עס?

3 עס איז פאראַן אין א געוויסער
מדינה, אין א געוויסער שטאָט און
אויף א געוויסען פּלאץ, א טויער,
וואָס איז ניט קיין געאָגראפישער
גרענעץ, און דאָך טיילט ער איצט
פאנאנדער גאנצע צוויי וועלטען.
דער טויער איז איצט, אגב, דער
געשפרעך פון טאָג. וואָס איז ער,
ווי הייסט ער און וואו געפינט ער
זיך?

4 די היילינגסטע שטאָט אויף דער
וועלט שווימט איצט ארום אויף
די וואסערען און ימים. וואָס איז
עס אזוינס און ווי איז עס מעגליך?

5 א בארימטער אידישער למדן און
פּרוכטבארער מחבר, כאָטש אליין
ניט רייך, האָט אבער באגליקט די
אידישע וועלט מיט א שלל פון
גייסטיגע „אוצרות“ אין פאָרם פון
ווערטפולע ספרים. ווער איז אָט
דער מערקווירדיגער „מיליאנער“,
פון וועמעס רייכטום מיר אלע שע־
פּען, אין וועלכען לאנד געפינט ער
זיך, און וועלכע וויכטיגע געשע־
העניש איז לעצטענס פאָרגעקומען
אין זיין לעבען?

6 וועלכער העברעאישער אינסטרו־
מענט האָט געפירט צו דער ער־
פינדונג פון א נייעם קאָנטינענט,
וואו עס געפינט זיך דאָס רייכסטע
לאנד אויף דער וועלט? ווער איז
געווען דער ענטדעקער, וואָס האָט
זיך באנוצט מיט אָט דעם מערק־
ווירדיגען „גייסטיגען“ קאָמפּאס?

7 עס איז פאראן א באשעפעניש אויף
דער וועלט, וואָס בלאָזט זיך. און
צו וועלכער ס׳ווערט געוויינליך
פארגליכען א פּוסטער בעל גאוה.
איז אבער געשען א היסטאָרישער
פאל, ווען גראד די באשעפעניש
איז געוואָרען א מיוחס. איר גאוה
באגרינדעט, און זי איז אפילו
אריין אין געשיכטע, אלס וויכטי־
גער נאציאָנאלער סימבאָל. וואָס
איז עס אזוינס?

חכמות **שאַרפזין** פון קינדער

גרויסע חכמות פון קליינע קינדער

„גראָב און „דין“

„הערשעלע“, פרעגט דער רבי: פאַרוואָס דריקען מיר זיך אָפּט אויס וועגען אן עם הארץ, אן אומוויסענדען מענטשען, אז ער איז א „גראָבער“ יונג?

„ווארשיינליך דערפאר, ווייל ער וויס ניט קיין „דין“, ענטפערט דער 8־יעריגער תלמיד.

„דאוריתא און „דרבנן“

„ווי באוואוסט איז שטענדיג א זאך, וואָס קומט „מדאוריתא“ הארבער און וואָגיגער ווי „מדרבנן“. זיינען אבער פאראן צוויי לומד'ישע אוסדריקען וואו דער פאל איז פונקט פארקערט: דער „טיטל“ **דאוריתא** איז שוין גאָר קיין כבוד ניט, אייגענטליך א גנאי, און דוקא דער „טיטעל“ דרבנן איז א גרויסער שבח און קאָמפּלימענט. וואָס איז עס אזוינס? — האָט א טאטע געפרעגט זיין חריפ'שען יאנקעלע.

דער 9־יעריגער אינגעל, וועלכער האָט ערשט אָנגעהויבען לערנען גמרא, איז גלייך געפאלען אויף דעם שפיצעל.

„גאָר איינפאך: א איד, וועלכער האָט ניט געלערנט, ווערט אין דער לומד'ישער שפראך באַצייכענט אלס „בור דאוריתא“. דאגעגען, אן איידעלער **איד, וועלכער** איז באהאוועוועט אין די **„שווארצע פינטעלעך“**, ווערט אין דעם **לומד'ישען לשון באַצייכענט** אלס **„צורבא** דרבנן“. געוויס שטייט א „צורבא דרבנן“ פיל העכער פון א „בור דאוריתא“.

א „נער“ אָבער ניט קיין „נאַר“

„קינדערלעך“, ווענדעט זיך דער רבי צו זיינע תלמידים, „עס איז פאראן אן אויסדרוק אין איינער פון די יום טוב'דיגע תפילות אין אידישען יאָר, וואו עס ווערט גענוצט דאָס וואָרט „נער“ און באלד אויפ'ן אָרט ווערט פאַרוואָרענט, אז דאָס מיינט מען ניט קיין טיפש, כאָטש דער קלאנג איז דער זעלבער ווי דאָס אידישע וואָרט „נאַר“. אנו, טרעפט, וואו געפינט זיך **אזא** אויסדרוק?!“

„איך ווייס,“ **שפּרינגט אויף דער** 9־יעריגער יאָסעלע פון זיין **פלאץ**. „דאָס געפינט זיך אין דער **שמונה עשרה** פון **נעילה** אין **יום הכפורים**: **„גש לחלותך כנער ולא כבער“** (ער טרעט צו, דיר צו בעטען, ווי א אינגעל, אבער ניט ווי א נאַר).

א קלוג שטעכווערטל

„וואו ליגט דער ירדן,“ **האָט דער** לערער געפרעגט איינעם פון די שילער אין קלאס.

„איך ווייס ניט“, **האָט ער געענטפערט**.

„ווען דו וואָלסט אבער געדענקט, וואו דו האָסט דעם ירדן „אוועקגעלייגט“, וואָלסט דאָך איצט **געוואוסט, וואו ער ליגט...“ האָט א שארפזיניגער אינגעל אים געקיבעצט.**

גרויסע חכמות פון קליינע קינדער

(פון אַלטערטימליכע קוואַלען)

קורץ און לאַנג

ר׳ יהושע בן חנניא איז אַמאָל גע־גאַנגען אין וועג, האָט ער געפונען אַ אינגעלע זיצענדיג אויפ׳ן שייד־וועג. און ער האָט אים געפרעגט:

„מיט וועלכען וועג קאָן מען קו־מען אין שטאָט?“

דאָס קינד האָט געענטפערט:

„דער וועג איז אַ לאַנגער און אַ קורצער, און דער אַנדער וועג איז אַ קורצער און אַ לאַנגער.“

ר׳ יהושע איז געגאַנגען מיט׳ן וועג, וואָס דאָס קינד האָט באַציי־כענט אַלס קורצער און דאָך אַלס לאַנגער. ווען ער איז שוין געווען נאָענט ביי דער שטאָט, האָט ער גע־פונען אַ צאַם פון גערטנער, פאַר־שטענדליך. אַז ער האָט זיך צוריק־געקערט, זעענדיג ווידער דעם אינ־געל אויפ׳ן שייד־וועג, האָט ער אים פאַרגעוואָרפען: פאַרוואָס ער האָט אים פאַרפירט.

„האָב איך דען ניט געוואָרענט דעם רבי׳ן, אַז דער וועג איז אַ קור־צער און אַ לאַנגער, אָבער דער אַנ־דערער איז אַ לאַנגער און אַ קורצער. אמת טאַקע, ביידע צווישען וועג מוז מען אַליינען גאַנג, עס נעמט מער צייט, אָבער מען דערגרייכט דעם ציל פריער. אין ערשטען פאַל איז געווען נעענטער, אָבער גראָד ביים טויער פון שטאָט איז ער געוואָרען אַזוי ווייט, ווייל די גערטנער האָבען פאַרשטעלט דעם אריינגאַנג, און דער רבי האָט זיך געמוזט צוריק־קערען.“

ר׳ יהושע האָט אַ קוש געטאָן דעם אינגעל׳ס קעפּל פאַר זיין גרויס פיקחות און געזאָגט: „וואויל איז אייך, אידען, דאָס איר, זייט אַלע חכמים, סיי גרויס, סיי קליין“ (עריבין נג; מדרש איכה, א).

אַ שפייז וואָס זעטיגט און בלייבט נאָך איבער

אַ מאַן פון דער שטאָט אַטען איז געקומען קיין ירושלים און דאָרט גע־בעטען אַ קינד צו ברענגען אים אַ זאַך, וואָס מען קאָן דערפון עסען, זאַט ווערען, און נאָך מיטנעמען אין וועג, דערביי זאָל עס קאָסטען זעהר ביליג. בלויז עטליכע גראָשען.

דאָס קינד האָט דערפילט די שלי־חות, און דעם גאַסט געבראַכט... זאַלץ.

ווען דער גאַסט האָט זיך גע־חידוש׳ט, האָט אים דאָס קינד דער־קלערט:

האָט איר דען ניט פאַרלאַנגט אַזאַ זאַך? איך פאַרזיכער אייך, אַז איר וועט דערפון קאָנען אַ סך אפּשפּאָ־רען אויף פיל סעודות און מיטנעמען אין וועג. (איכה, מדרש רבה, א.)

שאַרפזין

פליטערלאַך פון די סדרות

חמשה חומשי תורה

חלק ב׳

חלק ב׳

בראשית

„זה ספר תולדות אדם“
(בראשית, ה׳ א׳)

1 ווער האָט ערפילט די ערשטע שליחות אויף דער וועלט?

2 וואו זעהען מיר א פאל פון דער ערשטער פרימיטיווער לופט־פּאָסט?

3 ווען איז קיין ענטפער גראַד געווען די גרעסטע בשורה טובה און בעסטער ענטפער?

4 ווען האָט די גאנצע וועלט געוואוינט אונטער איין דאך?

5 ווער האָט זיך געפונען אויפ׳ן העכסטען בארג און ניט געדארפט אהין ארויפקריכען?

6 ווען איז די נבואה פון אחרית־הימים „וגר זאב עם כבש“ מקוים געוואָרען, איידער זי איז נאָך אפילו געזאָגט געוואָרען, און וואו איז עס געשעהן?

7 ווען האָט גערעגענט אָהן בליצען, און ווען האָט געבליצט, געדונערט און קיין רעגען איז נישט געווען?

8 ווען, ווער און וואו איז געווען דער ערשטער שכור אויף דער וועלט?

9 ווען איז שוין געווען דער ערשטער פאל פון „כיבוד אב“ און פון ביזוי אב“?

10 וואו טרעפען מיר דעם ערשטען פאל פון „עספעראנטאָ“, דאָך האָט אָט די אינטערנאציאנאלע שפּראך קיינער ניט ערפונדען?

11 ווען איז אנטשטאנען דער שפּראַכען פּראָבלעם, און מענשען האָבען ריכטיג געמיינט און פּעלערהאפט ארויסגעבראכט פון זייער מויל?

12 וואו און ווען איז געבויט געוואָרען דער ערשטער „וואָלקענקראַצער“ אויף דער וועלט?

13 ווען און וועלכע לעבעדיגע באַשעפעניש האָט פּארלאָרען אירע פיס אָהן אן אָפּעראציע, און אויך ניט דורך אן **עקסידענט?**

14 ווער האָט איבערגעלאָזען זיינע קינדער, א זאך וואָס זיי **אליין** האָבען עס ניט פארמאָגט?

15 ווען האָבען אלע מענשען **פון** דער וועלט געקענט **איינע די** אנדערע?

16 וועלכע שכנים האָבען **באקומען**

פליטערלעך **שאַרפזין** פון די סדרות

דעם ערשטען דיספּוּט אין דער וועלט?

17 ווען איז געווען דער ערשטער צוזאמענשטויס צווישען מענש און מלאך?

18 ווער האָט דער ערשטער פאַר־שוועכט די העפליכקייט פון דאַ־מען רעכט און פרויען פאַרצוג, און איז דאך געבליבען א דזשענ־טעלמאן און א צדיק?

19 ווען איז א פרוי געווען די אור־זאכע פון א באוואָפענטען אָנפאל אויף א גאנצער שטאָט מענשען?

20 וועלכער קנעכט האָט געהאט די געלעגענהייט אויסצואוויילען זיין אייגענע הארינטע?

21 וועלכער מאן האָט דער ערשטער אין דער וועלט אליין אָפּגעקאָכט א מאָלצייט?

22 ווער האָט געזייט אין א שלעכטען פּלאץ, אין א שלעכטער צייט, און דאָך געהאט די גרעסטע גערעטע־ניש?

23 ווער איז געווען דער ערשטער צו טראָגען פרעמדע האָר?

24 ווען און ווי אזוי האָט אייך און די זעלבע פערזאָן געהאט געגענ־זעצליכע סימנים פון צוויי באזונ־דערע מענשען?

25 ווען איז געשען א פאל, אז דער גן־עדן איז אריינגעקומען אין א אידיש הויז אריין, ווי אזוי און פאַרוואָס?

26 ווער האָט געזאָגט ליגען, און דאָך געזאָגט אמת?

27 ווען איז דאָס שווערד געהייליגט געוואָרען דוקא מיט א ברכה, און פאר וועמען?

28 דאָס זעלבע וואָרט, די זעלבע אותיות, אבער אנדערש אויסגע־לייגט, באדייט צוויי באזונדערע פונדאמענטאלע אידישע מדרגות און געווינסען. וואָס איז דער אויסדרוק? (לויט דער אָרטאָגראַ־פיע אין חומש)

29 ווער האָט געמאכט דעם ערשטען ריעל־עסטייט געשעפט אויף דער וועלט?

30 ווער האָט באקומען זריעה פאר זייער באָדען, אבער ניט פון זייער באָדען?

31 וועמען האָט מען צום ערשטען מאָל סערווירט א מאָלצייט אונ־טער'ן פרייען הימעל, ניט אונטער א דאך?

32 וועלכע פרוי האָט צום ערשטען מאָל אין דער וועלט געהאט מחלוקות און שוועריקייטען מיט איהר אייגענער דינסט?

33 ווער איז געווען באזאָרגט גראָד דערפאר, וואס זיי האבען געפונען געלט?

34 ווער איז געווען דער ערשטער מענש מיט א סימן אויף זיין לייב?

35 ווער האָט פאַרלאָרען זיין נאָ־מען אין א מלחמה?

פליטערלעד שאַרפזין פון די סדרות

36 ווען זיינען 10 אידען אוועק, אלס גאנצער מנין, און זיך אומגעקערט בלויז זאלבעניינט?

37 וועלכער ארעסטאנט איז געוואָרען אן אויפזעהער איבער אנדערע ארעסטאנטען?

38 וועלכע ערשטע שפייז האָט ניט געטויגט פאר די. וואָס האָבען עס געגעסען?

39 ווער איז געווען גרייט אפצוגעבען זייך איינציגען צו דעם איינציגען?

40 ווער איז געווען דער ערשטער צו רוהען, איידער ער האָט נאָך אפילו געארבייט?

41 ווער איז געווען דער גרעסטער מענש און איד אין דער וועלט, און דאָך האָט ער ניט געקענט ציילען?

42 ווען איז „א פאָדעם און בענדיל פון א שוך“ געווען דער אויס־דרוק פון א הויכען מאראליש-רעליגיעזען פרינציפ?

43 וועלכער בנין איז קיינמאל ניט פארענדיגט געוואָרען?

44 ווער האָט דער ערשטער געזעהן די גרעסטע צאָל פארבען, און זיך דערמיט געפרעהט, אלס די גליק־ליכסטע בשורה טובה?

45 ווער איז געווען דער ערשטער אויף דער וועלט צו לערנען תורה, איידער זי איז נאָך געגעבען געוואָ־רען מסיני. ווען איז עס געשעהן, און פון וואנען די ראי'ז ברענגען דעם מקור.

46 ווער האָט געבויט די ערשטע שטאָט, כאָטש ער איז אליין געווען היימלאָז?

47 ווער האָט געמוזט פארלייקענען זיין פאמיליען־צושטאנד און פאר־וואָס?

48 ווען זיינען איינגעשטעלט געוואָ־רען צום ערשטען מאָל די ריכ-טונגען: רעכטס, לינקס?

49 ווען און וואו טרעפען מיר דעם ערשטען מלחמה־פליכטלינג?

50 ווען און פארוואָס איז פאָרגעקו־מען די ערשטע „רייניגונג“ אין א קעניגליכער סוויטע?

51 ווען זיינען גראד בהמות אויס־געטייטשט געוואָרען אלס סימן אויפ'ן מענשליכען שיקזאל?

52 ווען און וואו איז איינגעשטעלט געוואָרען דאָס ערשטע אפראָוויזא־ציע־סיסטעם?

53 ווען האָט א געצענדינערישער קעניג קאָמפלימענטירט א אידען, אז ער פארמאגט א געטליכען גייסט?

54 אין וועמען האָט זיך קאָנצענט־רירט יוגענט און עלטער, סיי אין כאראקטער, סיי אין טיטעל?

55 ווער איז געווען פרעמד צו זיינע אייגענע?

56 אויף וועמען איז געוואָרפען געוואָרען דער ערשטער בלבול פון שפּיאָנאזש?

57 ווער איז געווען דער ערשטער לעבעדיגער משכון?

58 אין וועלכען שווינדעל האָבען די אָנגעקלאָגטע דערביי קיין שולד ניט געהאט?

59 ווען זיינען געוועהנליכע בירגער פון א פרעמדען לאנד געווען געסט ביי א מאָלצייט אין א קעניגליכען פאלאץ פון א צווייטער מדינה?

60 ווען איז שוין פאַרגעקומען א קאמף צווישען מענטשען, איידער זיי זיינען נאָך אפילו געבאָרען געוואָרען?

61 ווען און פאר וועמען האָט די קלענסטע זאך פון חיי שעה געמיינט מער, ווי דאס גרעסטע גליק פון חיי עולם?

62 א העברעאישער אויסדרוק וועלכער ווערט געוויינליך גענוצט צום שלעכטען און געפינט זיך אין דער וועכענטליכער סדרה, איז אבער איין מאָל אין דער תורה גענוצט געוואָרען צום גוטען. וואָס איז דאָס וואָרט, און וואו האָט עס גראָד די גוטע באדייטונג?

63 זכר צדיק לברכה, אדער אפּגעקירצט זצ״ל, ווערט געוויינליך גענוצט נאָך א פאַרדינסטפולען נפטר. וואו ווערט געבראַכט אָט די פּראזע וועגען א גרויסער פּערזענליכקייט ביים לעבען? דער מקור איז אין די פּירושים אין איינער פון די לעצטע סדרות.

64 ווער האָט גאָרניט געבעטען און גענומען גאָר א סך?

65 ווען האָט צום ערשטען מאָל א טרונק וואסער געשפּילט א דעצידירענדע ראָלע אין באשטאנד און גורל פון א פאָלק?

66 ווען האָט א מיידעל באקומען מתנות ניט דירעקט פון איר באַשערטען?

67 ווען איז א נידעריגער שטאנד גאָר געווען א יחוס, אזוי אז מען האָט זיך דערמיט פאַרגעשטעלט פאר לייטען, און ווער האָט עס געטאָן?

68 ווער האָט געטאָן פיל מער ווי מען האָט פארלאנגט?

69 ווען האָט געברענט אן אויווען, וועלכען מ׳האָט ניט איינגעהייצט?

70 ווען האָט דער רבונו של עולם אליין פאַרביטען מענשליכע רייד צוליב שלום בית?

71 ווער האָט ניט געקענט געפינען די טיר, כאָטש זיי זיינען געשטאַנען דערביי?

72 ווען איז געשען דער פאל וואָס דער באשיצער איז גראָד געראַטעוועט געוואָרען פון די וועמען ער האָט אליין געוואָלט באשיצען?

73 ווען איז א לעבעדיגע באשעפעניש מיטאמאָל פארוואנדעלט געוואָרען אין א טויטען-שטאָף און פארוואָס?

74 ווען און ווי אזוי זיינען אויף דער וועלט געקומען קינדער און ניט פון מאן און ווייב?

75 ווען איז א ברונעם צום ערשטען מאָל אין דער אידישער געשיכטע געווען א טרעף־פונקט פון מענשליכקייט און געטליכקייט?

76 ווען האָט א בהמה פארנומען דעם פלאץ פון א מענשען און וואו?

77 וועלכער קרבן איז ניט באוויליגט געוואָרען, כאָטש ער איז בפירוש פארלאנגט געוואָרען פון גאָט?

78 וואָס איז געווען דער סאמע ערשטער בנין נאָכ׳ן סאמע ערשטען חורבן אויף דער וועלט?

79 ווער האָט ניט געקענט זיין אייגענע מוטער?

80 ווער האָט געהאט צוויי פרויען, אבער נאָר איין שווער?

81 ווער איז אוועק א גלייכער און זיך אומגעקערט א הינקעדיגער?

82 ווער האָט דער ערשטער אויף דער וועלט געהאט קפיצת הדרך, כאָטש ער איז ניט געווען קיין בעל־מופת?

83 ווען איז א פרעמדער שבט דערמאָנט געוואָרען אין אונזער תורה א סך מאָל איינע נאָך די אנדערע?

84 ווען און פארוואָס איז ליבער געווען ביי השם יתברך די רייד פון די קנעכט פון די אבות, ווי די תורה פון די **קינדער?**

85 ווען איז פארגעקומען דער ערשטער פאל פון אן עפענטליכער לויה?

86 וועלכע פרוי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט ניט פארלייקענט אירע יאָהרען?

87 ווער האָט דער ערשטער אנטדעקט דעם גלייכסטען וועג צווישען ערד און הימעל?

88 וועלכע קישען אויף דער וועלט איז געווען די הארטסטע, און דאָך איז זי געלעגען צוקאָפּענס?

89 ווער האָט געגעבען 14 פאר 2?

90 אין וועלכען איינצעלנעם מענשען האָט זיך פארקערפערט די גרעסטע, מאָס שווינדעל, אפילו אין באצוג צו זיינע אייגענע קינדער?

91 ווען זיינען פלעקען געווען דער סימן פון מזל־ברכה, כאָטש געוויינליך רופט א באפלעקטע זאך ארויס איבעל און עקעל?

92 ווען און ווי אזוי האָט א קנעכט געדינט אלס שטעל־פארטרעטער פון זיין האר?

93 ווען און ווי אזוי איז גראָד אן ארעסטאנט דערגאנגען צו א קעניגליכער קאריערע?

94 ווען זיינען בלומען צום ערשטען מאָל געווען א שליסעל צו ראָמאנטישען סענטימענט, און אפילו געשפילט א ראָל אין באשטאנד פון א פאָלק?

פליטערלאך **שאַרפזין** פון די סדרות

95 ווער האָט בלויז געחלומ'ט, און אנדערע האָבען זיך געשראָקען פאַר דער וואָר?

96 ווען און וועלכע העמד ביים לייב איז גראָד געווען אן אומגליק, אַנ־שטאט א שוץ?

97 ביי וועמען האָט א פּאָר שיך גע־האט מער ווערט פון א מענשען?

98 אין וועלכען פאל זיינען די פלאַ־גענטען געשטאנען נידעריגער פון א מענשליכער בריה און געווען אונטערגעוואָרפען צו א בשר ודם?

99 ווער האָט דער ערשטער געריסען קריעה און אָפּגעריכט אבלות נאָך א לעבעדיגען מענשען?

100 ווער איז צוויי מאָל געשטאָרבען?

שמות

„על המנורה הטהורה יערוך את הנרות“

(אמור כד, ד)

101 ווען און פאר וועמען איז געווען נאכט און טאָג אין דער זעלבער צייט, אין דעם זעלבען לאנד?

102 ווען און וואו איז אויפגעגעסען געוואָרען דאָס גאנצע גערעטע־ניש און שפייז אין א לאנד, אבער ניט דורך זיינע איינוואוינער?

103 ווען און וואו איז יעדער משפחה פון א געוויסען פאָלק געוואָרען אבלים אין דעם זעלבען מאָמענט?

104 ווען און וואו האָט בלוט געראַ־טעוועט פון בלוט?

105 וועלכער מאהלצייט איז געגעסען געוואָרען ביינאכט, אין איילעניש?

106 וועלכער קעניג איז אליין געגאנ־גען וועקען זיינע אונטערטאנען אין מיטען נאכט?

107 ווען איז פאַרגעקומען די ערשטע מאסען־באפרייאונג פון מענשלי־כע שקלאפען?

108 די בכורה איז געוויינליך א פריי־ווילעגיע און יחוס; פאר וועלכען פאָלק אבער איז עס געווען א קא־טאסטראָפע און אומגליק?

109 ווען איז אן אָפּגאָט פון הערען פארשוועכט געוואָרען עפענטליך דורך זייערע קנעכט, און זיי האָ־בען זיי ניט געשטערט און צוריק־געהאלטען?

פליטערלאך **שאַרפזין** פון די סדרות

110 וועלכער ארכיטעקט האָט געבוי אויפגעשטעלט א בנין לויט דעם ריכטיגען פּלאַן, וועלכען ער האָט אפילו ניט געזען, נאר בלויז גע־הערט, און ניט דירעקט, נאר דורך א צווייטער פּערזאָן, און דאַגאר אין דעם פאל איז אים די אינפארמא־ציע ניט איבערגעגעבען געוואָרען דורכאויס קאָרעקט?

111 ווער האָט איינער אליין געטראָגען גאנצע 12 שטיינער?

112 וועמעס גארדעראָבע איז געווען די גרעסטע און די רייכסטע, און דערביי אפילו ניט פאר זיין איי־גען געלט?

113 וואו טרעפען מיר דעם פיינסטען פאסאָן פון קליידער פארגעשרי־בען פאר א בשר ודם, אבער ניט דורך א מענשליכען „דיזיינער"?

114 ווער איז געווען דער ערשטער יובעליר און קינסטלער אין עדעל־שטיינער?

115 ווען האָבען טויטע קעגענשטאנדען באצייכענט לעבעדיגע באשעפעני־שען אין באשטאנד פון א פאָלק?

116 ווען און וואו איז געווען פארזי־געלט דער גורל פון א גאנץ פאָלק בלויז ביי איין יחיד? וועלכער אפא־ראט האָט עס אנטהאלטען אין זיך אָט דעם אוצר הנבואה?

117 וועלכער קול האָט אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון א מענטש, און דאָך איז דער קלאנג ניט געקומען פון זיין מויל?

118 ווי קען געמאָלט זיין, אז עמיצער זאָל האָבען א פרוי און קינדער, און דאָך זאָלען זיי ג ע ז ע צ ־ ל י ך געהערען צו אן אנדערען, און ניט צו זייער אייגענעם מאן, און פאָטער?

119 אויף וועלכען אופן קען א געוויסע פּערזאָן פּריוויליג פארבלייבען אן א י י ב י ג ע ר קנעכט?

120 ווי אזוי קען געמאָלט זיין, אז מען זאָל דורכפירען אן אָפּעראציע אויף א טייל פון מענשליכען קערפּער, מאכען אים פאר א בעל מום, און דאָס זאָל זיין געזעצליך, אלס פאר־דינטער פסק?

121 ווער האָט געפאסט דעם לענגסטען תענית?

122 וואו און ווי אזוי דערוויסען מיר זיך צום ערשטען מאָל פון דער סטראטעגיע פון באצילען אין א מלחמה?

123 וואו לערנען מיר די ערשטע גע־באָטען וועגען הומאניטארער בא־ציהונג צו אימיגראנטען און מענ־שען פון פרעמדען אָפּשטאם?

124 וואו דערוויסען מיר זיך וועגען די פּרינציפּען פון דעם ערשטען סאָ־ציאלען קאָדעקס?

125 ווען איז גראד א פרוי געווען א מוהל, און די מילה איז דאָך גע־ווען כשר?

126 ווען און וואו איז דער אויסדרוק „ברוך השם" גענוצט געוואָרען גראָד דורך א גוי?

פליטערלאך שאַרפזין פון די סדרות

127 ווען און ווי אזוי האָבען הימעל און ערד פארביטען זייערע פונקציעס?

128 ווער האָט בלויז עפּעס „אונטערגעהאלטען“ און דערמיט געהאָלפען געווינען א מלחמה?

129 ווען האָט דער גרעסטער איד געפאָלגט אן עצה פון א פיל קלענערען מענשען, דערצו נאָך א ניט־איד?

130 ווען האָט געדונערט, געבליצט און קיין רעגען איז ניט געגאנגען?

131 וואו און ווען האָט דאָס מענשליך אויג געזען אזוינס, וואס באלאנגט גאַר צו אן אנדער חוש?

132 ווען איז אויפגעגאנגען א פייער און רויך, אבער ניט פון אן אויווען?

133 ווען האָט, געגען געזעץ פון נאטור, א כח, וואָס ווערט כסדר שוואַכער, זיך גראָד נאָכאנאנד פארשטארקט?

134 ווען איז דער באשעפער און זיין באשאף געשטעלט געוואָרען איינס געגען דעם אנדערען?

135 פארשפּאָרען וועג איז אייגענטליך זעהר א גוטע און לאָגישע זאך. ווען איז גראָד געווען ראטזאם פאר א גאנץ פאָלק „אָנצולייגען וועג“?

136 ווען האָט א בר־מינן מיטגעמאכט א מארש פון לעבעדיגע?

137 וועלכע פירער האָבען געוויזען דעם וועג פאר א מחנה מענשען, כאָטש אליין זיינען זיי ניט געווען קיין לעבעדיגע וועזענס?

138 ווען און ווי אזוי האָבען נאטור־עלעמענטען געביטען זייער טבע, באשטאנד און געשטאלט?

139 וואו זיינען געווען ווענט, אבער אָן באלקענס איבער זיי?

140 וואָס איז געווען דער ערשטער ערזאץ פאר צוקער?

141 ווען האָבען די הענט פון איין מאן געוואונען א מלחמה פאר א גאנץ פאָלק?

142 ווען האָט „נעמעז“ אייגענטליך גאָר געמיינט „געבען“?

143 ווער האָט געצאָלט דעם העכסטען פרייז פאר אן אָקס אדער שעפּס?

144 ווען איז אויפגעשטעלט געוואָרען א היים אויף דער ערד, אבער ניט פאר א בשר ודם דאָרט צו וואוינען?

145 ווי אזוי איז דער פּרינציפּ פון היגיענע איינגעשלאָסען געוואָרען אלס א טייל פון גאָטעסדינסט?

146 וואו געפינען מיר די ערשטע פארמאצעווטישע כללים, אבער ניט אין אינזיווערזיטעט־ביכער, און אויך ניט פאר מענשליכען געברויך? וועלכע קאָסמעטיק איז געווען באשטימט פאר אן איינצעלנעם צוועק און פארבאָטען פאר אלע אנדערע צוועקען?

147 וואו און ווי אזוי איז פאַראָרדנט געוואָרען רו פון א הייליגער ארבעט, כאָטש זי איז א מצוה און דורכאויס לשם שמים?

148 ווען איז א טויטע זאך פּראָקלאַמירט געוואָרען אלס גאָטהייט דורך א פאָלק, וועמען געצענדינסט איז בפירוש פארבאָטען געוואָרען?

149 ווער האָט דורכגעלעבט די גרעסטע פארצווייפלונג, ווען אנדערע האָבען געטאַנצט פון פריידי?

150 ווען איז א ברודער־קריג און בלוט־פארגיסונג געווען א מצוה?

151 ווער האָט ניט מקיים געווען „אחרי רבים להטות״, און איז אבער געווען גערעכט?

152 ווען איז צוויי מאָל צען געווען בלויז צען?

153 ווער האָט צעבראָכען די גאנצע תורה, און איז דאָך געווען און פארבליבען דער גרעסטער איד פון אלע צייטען און אלע דורות?

154 ווען האָבען מענשליכע „הענט״ געדינט אלס פּרוביר־שטיין פאר מענשליכע „קעפּ״, און ווי אזוי האָט מען געקענט גענוי וויסען א באשטימטען חשבון און צאָל פון פערזאָנען, און זיי ניט געדארפט ציילען?

155 וואו טרעפען מיר דעמאָקראטיע אין א פאָלקס־שטייע׳ר?

156 וועלכער אויסדרוק אין איינער פון די לויפיגע פרשיות, לייענט זיך הין און צוריק אויפ׳ן זעלבען אופן און מיינט אויך דאָס זעלבע?

157 וועלכע וואליוטע איז שוין געווען אין הימעל, איידער זי איז נאָך גענוצט געוואָרען אויף דער ערד?

ויקרא

„ושני לוחות העדות בידו״
(תשא, לב, טו)

158 אין וועלכען פּאַל און אויסדרוק איז די תורה אָנגערופען אויפ׳ן נאָמען פון בלויז איין באגרענעצטען אידישען קלאס און שטאנד?

159 וועלכער פלאם האָט קיינמאָל ניט געטאָרט פארלאָשען ווערען?

160 ווער האָט געדארפט, על פּי דין, עטליכע מאָל אין זעלבען טאָג אומבייטען זיין גארדעראָבע?

161 וואו און ווי אזוי ווערט אויסגעדריקט דער אידישער פארבאָט פון בלוט אין שפּייז?

שאַרפזין

162 ווער האָט ניט געטאָרט פארלאָזען זיין פּלאץ א באשטימטע צאָל טעג?

163 ווען איז געווען דער פאַל, ווען דער גרעסטער איד האָט משמש געווען קלענערע פון זיך, זיי געוואשען און באקליידט?

164 וועלכע שרפה האָט ניט באשעדיגט מענשליכע גופים, און דאָך זיינען זיי אומגעקומען?

165 ווען און ווי אזוי האָט פייער איינס נאָכ'ן אנדערן, צוערשט געבראכט פארגעבונג, און באלד נאָכדעם אן אומגליק?

166 ווי אזוי, אין באצוג צו וועמען, און אונטער וועלכע אומשטענדען איז געמאָלדען געוואָרען דאָס ערשטע אָפיציעלע געזעץ פון „פּראָהיבישאָן"?

167 ווען איז א קרבן, באשטימט פאר כהנים צום עסען, דאָך ניט געגעסען געוואָרען, און דערביי, על פּי דין?

168 ווען איז א רבי געווען אומגערעכט, און די תלמידים — גערעכט?

169 ווען זיינען דיעטעטישע כללים פאָרגעשריבען געוואָרען ערגעץ אנדערש, ווי אין א קאָך־בוך אדער שפּייז־קאָדעקס?

170 וועלכע צוויי לעבעדיגע באשעפענישען פון געגנוי דעם זעלבען מין האָבען ערפילט א ריטועלע פונקציע פון עקסטרעם־באזונדערען כאראקטער. דער שיקזאל פון איינעם איז פונקט פארקערט, ווי דער שיקזאל פון אנדערען?

171 וואו טרעפען מיר, צום ערשטען מאָל, דעם גענויען קאָדעקס פון געשלעכטליכער זיטליכקייט?

172 וואו און ווי אזוי באגעגענען מיר די ערשטע אגראר־רעפאָרמען, וואו לאנדווירטשאפט איז באטראכט אלס א סאָציאלע פּראָבלעם?

173 וואו און ווי אזוי טרעפען מיר געזעצען וועגען עטיק און מאָראל אין באצוג צום ארבייטער?

114 וואו באגעגענען מיר פאָרשריפטען וועגען מענשליכען געוויסען, וועגען אינערליכער ערליכקייט, וואָס איז נאָר באוואוסט צו דעם באטרעפענדען מענשען און צו גאָט ברוך הוא?

175 וועלכער וויכטיגסטער עיקר פון אונזער גאנצער תורה, פארמולירט אין דער קירצסטער פראזע, קומט צום אויסדרוק אין די לויפיגע סדרות?

176 וועלכע רעסיפּי אין געבעקס איז פאָרגעשריבען געוואָרען פאר רייטועלע צוועקען, דערביי האָט דער, וואָס ריכט עס צו, אליין דערפון ניט געטאָרט געניסען?

177 וואו איז דער געברויך פון זאלץ געבאָטען געוואָרען אלס א מצוה פון דער תורה?

178 ווען האָבען א סך אידען זיך באנוגענט בלויז מיט איין אָקס?

179 ווי אזוי האָט א פירער פון פאָלק געמוזט אָנקומען צו א בעל חי,

כדי צו מאַכען שלום צווישען אים
און דעם רבונו של עולם?

180 ווי אזוי האָט א מעסטל מעל גע־
קענט שפּילען א דעצידירענדע
ראָל אין דעם לעבען פון א מענ־
שען?

181 וועלכער אופן פון טויטען א בעל
חי, וואָס וואָלט אין אונזערע באַ־
גריפען געמיינט נבלה, איז אבער
געווען חשוב און אָנגעליגט פאַר
השם יתברך אויב א באַרופענע
פּערזאָן האָט עס געטהון?

182 וועלכער הויפען איז געווען פאַר־
הייליגט אויב ער איז גענומען גע־
וואָרען אין א געוויסער פּראָצעדור
דורך באשטימטע מענשען?

183 ווען האָבען טויבען פאַרנומען דעם
פּלאַץ פון אַן אָקס אדער א שעפּס?

184 ווען האָט זיך א מענש געדאַרפט
אָנלעהנען אָן א בעל חי, און דער
אָנשפּאַר איז געווען פאַרגעשריבען
על פי דין?

185 ווער האָט זיך באשעפטיגט מיט
פונקציעס, וואָס זיינען געוויינ־
ליך די מלאכה פון א בוטשער און
א קוכער, און האָט דערביי ער־
פילט די הייליגסטע דינסט ביי
אידען?

186 אין וועלכען פסוק פון די לויפיגע
סדרות ווערט דאָס זעלבע וואָרט,
אין דעם זעלבען אויסלייג, אבער
מיט אנדערע נקודות און אין אַן
אנדער זין, גענוצט דריי מאָל
נאָכאַנאַנד?

187 אין אידיש הערט מען אמאָל א
ווערטל: „וואָס ווילסטו, די נשמה
זאָל איך דיר אָפּגעבען״? אין
וועלכען ענליכען אויסדרוק פון די
לויפיגע סדרות וואָלט מען געקענט
איינטייטשען אָט די פראַזע?

188 ווער האָט זיך ניט געטאָרט
מתעסק זיין און טאָן דאָס רעכט
צו זיינע נאָענטע מתים?

במדבר

„איש על מחנהו ואיש על דגלו״
(במדבר א, נב)

189 וועלכער גרעסטער איד האָט גע־
האַט דעם זכות פון א דירעקטער
שייכות מיט א בהמה?

190 ווען איז א קללה באַטראַכט גע־
וואָרען פאַר דער ווירקזאַמסטער
מיליטערישער סטראַטעגיע און
ערפאָלגרייכסטען „געהיימען וואָ־
פען״? ווער האָט עס פאַרלאַנגט און
פון וועמען?

191 ווען האָט זיך דער רבונו של
עולם עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד גע־
וויזען צו א גוי׳שן נביא?

192 ווען האבען צוויי גרויסע מענשען
פון 2 באזונדערע פעלקער אין
דער זעלבער צייט פון טאג, אבער
אין פארשיידענע פעריאדען אליין
איינגעשפאנט זייערע אייזלען אין
א וויכטיגער שליחות, איינער לדבר
מצוה און דער צווייטער לדבר
עברה. ווער זיינען זיי עס געווען,
און וועלכען מאמר זאגט מען גע-
וויינליך וועגען די צוויי מענשען
וואס כאראקטעריזירט די באזונ-
דערע און געגענגעזעצטע מאטיווען
פון זייער ביידענ׳ס זריזות?

193 פון וואנען געפינען מיר א ראי׳
אין די לויפיגע סדרות, אז אן אדם
חשוב נוטיגט זיך אין אן עסקארט,
א סוויטע פון צוויי באגלייטער
אונטערוועגענס?

194 ווען און ווי אזוי איז געשען דאס
מערקווירדיגסטע וואונדער, אז א
בהמה האט באקומען דעם ספעצי-
עלען כשרון פון א מענש?

195 ווער האט זיך געפונען אין דעם
שמאלסטען און ענגסטען פלאץ,
פארוואס און ווי אזוי?

196 ווען האט דאס נארישסטע באשע-
פעניש צווישען בעלי חיים געזען
און באנומען מער ווי זיין מייסטער,
וועלכער איז געווען באטראכט
אלס דער פיקח פון די מענשען פון
זיין דור?

197 ווען האט גראד א בהמה באשיצט
איר האר און אנטרייבער?

198 ווען מויל האט גערעדט אנ-
דערש ווי דאס הארץ האט גע-
גלוסט, און ביי אים איז געווען
„אין תוכו כברו״. אבער אן זיין
ווילען?

199 ווער האט מקנא געווען א פרעמד
טויט און זיך געוואונשען אזא
גורל?

200 וועלכער בעל גאוה האט געמוזט
איבערגעוואלד זיין אן ענו און
מודה זיין, אז ער איז ווערטלאז און
אויסער זיין רשות?

201 אין וועלכער מליצה איז א גאנץ
פאלק פארגליכען געווארען צו
פארצוקענדע חיות, און דאך איז
עס געווען לשבח?

202 וועלכער פונדאמענט און אנהויב
פון אונזערע הייליגע תפילות
שטאמט פון א גוישען פארפאסער,
דעם געמיינסטען מענשען און
גרעסטען שונא־ישראל אין זיין
דור? וואו געפינט זיך אט די פרא-
זע, און ווי אזוי איז דער לשון?

203 ווי אזוי האט א געהיימע שענד-
ליכע עצה פון אן אונפארשעמטען
שונא ישראל געבראכט מער אומ-
גליק צו אונזער פאלק, ווי די
עפענטליכע קללות, פאר וועלכע
מען האט אים געדונגען, און וואס
זיינען גאר ארויסגעקומען אלס
ברכות?

204 ווער האט מקדש השם געווען מיט
אן עפענטליכען דאפעלטען מארד?

205 וועלכער העכסטער מאן האָט אבער געהאט דעם קירצסטען נאָ־מען?

206 ווען קאָן א מאן אדער א פאָטער בייטען א פרוי׳ס באשלוס געגען איר ווילען?

207 ווען און ווי אזוי איז דער טויט פון גרעסטען אידישען פירער געווען אָפּהענגיג פון א זיג איבער א פיינטליך פאָלק, און אידען האָבען דעריבער ניט געהאט קיין חשק זיך צו אנגאזשירען אין דער מלחמה, טראָץ השם יתברך׳ס גע־באָט?

208 ווען זיינען פאָטער און טאָכטער פון דער זעלבער קעניגליכער משפחה פון א פיינטליך פאָלק אומ־געבראכט געוואָרען דורך דעם אָנ־טייל פון דעם זעלבען גרויסען אי־דען מיט׳ן זעלבען כלי־משחית אין א קורצער צייט איינע נאָך די אנ־דערע?

209 ווען און ווי אזוי איז דער שם המפורש געווען דער ווירקזאמ־סטער וואפען אין קאמף מיט מעכ־טיגע קעניגע און ארמייען פון פיינטליכע פעלקער?

210 ווער האָט אומגעביטען זיין אומנות אין א פארמעסט געגען אי־דען און איז דאָך אומגעקומען פון דעם זעלבען כלי־זיין, מיט וועלכען זיין אורעלטער זיידע איז אמאָל גע־בענשט געוואָרען? פארוואָס האָט אים געקומט דוקא אזא מיתה?

211 וועלכע אידען זיינען צוויי מאָל אריבער דעם ירדן הין און צוריק און דאָך ניט געבליבען אין ארץ ישראל און פארוואָס?

212 ווער האָט געמאָנט די טענה פון געגענזייטיגער אחריות ביי א טייל פון אידישען פאָלק לטובת זייערע ברידער?

213 ווען האָבען זיך מענער אָפּגע־שיידט פון זייערע ווייבער און קינ־דער צוליב א וויכטיגער נאציאָ־נאלער אויפגאבע?

214 וואו און ווי אזוי איז אריינגע־בראכט געוואָרען דער באגריף פון חלוציות אין אידישען לעבען ביי כבוש הארץ? ברענגט דעם מקור און לשון.

215 ווער האָט צום ערשטען מאָל פאר־שריבען דעם רעקאָרד פון אונזער נאציאָנאלער אימיגראציע, וואו און ווי אזוי?

216 ווען און ווי אזוי איז איינגעשטעלט געוואָרען די געאָגראפישע מאפע און גרענעצען פון א לאנד, איידער זי איז נאָך איינגענומען געוואָרען?

217 וועלכער שבט האָט ניט געהאט קיין זעלבסטשטענדיגע נחלה, נאר באקומען זיין וואוין־ארט פון די אנדערע שבטים?

218 וועלכע באשעפעניש איז צו דער זעלבער צייט געווען טמא און טהור, האָט געלייטערט אנדערע און אליין געווען אומריין, האָט

פאראומווירדיגט אנדערע און אליין
געווען זיבער (דער מערקווירדיג־
סטער און אויסטערלישסטער פא־
ראדאָקס אין רעליגיעזען אידישען
ריטואל)?

219 ווי אזוי איז דורכגעפירט געוואָ־
רען א דעזינפעקציע אויף א וואוי־
נונג, כלים און מענשען, און ניט
דורך היגיענישע מעטאָדען, נאר
דורך א רעליגיעזער פּראָצעדור?

220 ווי אזוי איז די עלעמענטארסטע
באדערפעניש פון א גאנץ פאָלק
געווען אָפּהענגיג פונ׳ם לעבען און
טויט פון אן איינצעלנער פרוי?

221 ווען איז פאָרגעקומען דער זעל־
טענער וואונדער, אז א הארטער,
מאסיווער, סאָלידער געגענ־
שטאנד האָט פון זיך ארויסגעגע־
בען א פליסיגקייט?

222 ווען און ווי אזוי איז פון א טובה
פאר׳ן פאָלק ארויסגעקומען א רעה
און פאטאלער אומגליק פאר זיינע
פירער?

223 ווען האָט א פאָלק ניט געקאָנט
קריגען א זופּ וואסער אפילו פאר
גוט געלט?

224 ווען האָט א זון גע׳ירש׳נט זיין
טאטען פאר׳ן לעבען, און דאָך איז
עס געווען א גרויסער זכות?

225 ווער האָט באוואוסטזיניג דורכגע־
מאכט די אלע נויטיגע פיזישע
הכנות צו זיין אייגענער פטירה און
הסתלקות?

226 מיט וועלכען מת, א בשר ודם האָט
זיך דער רבונו של עולם אליין
מתעסק געווען, כאָטש זיין נאָענט־
סטע משפחה איז דערביי געווען
און זיי האָבען אים ניט געקאָנט
טאָן זיין רעכט?

227 ווען האָט א גאנץ פאָלק געזען א
מטה מיט א בר־מינן דערויף,
אבער אויבען, אין הימעל, און ניט
אונטען, אויף דער ערד?

228 ווען איז די זעלבע זאך געווען
א מחבל און אויך א רפואה?

229 וועלכע שטאָט טראָגט דעם זעל־
בען נאָמען ווי א וויכטיגע וויסענ־
שאפט און חכמה, און וועלכע פּרא־
זע אין דער לויפיגער סדרה ווערט
אויך אויסגעטייטשט ביי די גדולי
המוסר, אלס וויכטיגער מוסר
השכל?

230 ווי איז מעגליך, אז דער הייליג־
סטער איד זאָל ניט טאָן די לעצטע
רעכט צו זיינע אייגענע טאטע־
מאמע, און דאָך ניט עובר זיין
אויף „כבוד אב ואם״?

231 וועלכע פרוי איז א מצוה צו פאר־
ברענען כאָטש זי איז א גרויסע
מיוחסת, און פארוואָס?

232 ווען טאָר א טאָכטער ניט געני־
סען פון דעם ברויט פון איר איי־
גענעם טאטען, כאָטש א ווילד־
פרעמדער, וואס איז געקויפט גע־
וואָרען פאר׳ן הויז, קאָן יאָ געני־
סען פון אזא פּריווילעגיע? ווען

אָבער קען זי יאָ עסען דעם טאַ־
טען׳ס ברויט?

233 וואו דערוויסען מיר זיך וועגען
דער היגיענע פון מזבח, און אויף
וועלכע אופנים?

234 ווען און ווי אזוי מוז אן אנדערער
געניסען פון די פרוכט פון פרעמ־
דער ארבעט, איידער דער בעל
הבית נעמט אליין א ביסען אין
מויל?

235 וועלכער בוקעט איז אָנגעזאָגט
געוואָרען אלס א הייליגער סימ־
באָל און לייט־מאָטיוו פון א גרוי־
סען אידישען יום טוב און הער־
ליכען ריטואל?

236 וועלכער נייער עונש אויף א האר־
בער עבירה איז ערשט באוואוסט
געוואָרען דאן, ווען דאָס פארברע־
כען איז געטאָן געוואָרען, און ניט
בעפאָר?

237 אונטער וועלכע אומשטענדען איז
פאמיליען־טרייהייט און פאמיליען־
אייפערזוכט געווען א טייל פון רע־
ליגיעזער יוריסדיקציע ביי אידען?
ווי אזוי איז בארעכטיגט געוואָרען
דאָס אריינמישען זיך פון א רעלי־
גיעזען פאָרשטייער אין א פריוואַ־
טען לעבען פון א פּאָרפאָלק?

238 וואָס איז געווען דער „ריטועלער־
פלאָראָסקאָפּ״ צו באשטימען די
זיטליכקייט אדער אונזיטליכקייט
פון א פרוי, וועלכען „ריטועלען
בערום שטאָף״ האָט מען ?ענוצט.

און וואָס איז געווען די רעאקציע?

239 וואָס איז געווען דער שכר און
עונש נאָך אזעלכע „טעסטס״?

240 ווי אזוי האָט א איד געקאָנט פּראַק־
טיצירען זעלבסט־פּראָהיבישאָן און
וואָס איז ער דאן געווען?

241 וואָס פאר א שייכות האָט געהאט
די פריזור מיט א ספּעציעלען טיפּ,
וואָס האָט זיך אונטערשיידט פון
דער גאנצער מזנה אידען?

242 ווען און ווי אזוי איז איינגעשטעלט
געוואָרען ברכת כהנים?

243 וועלכע פריווילעגירטע גרופּע אי־
דען האָט זיך די ערשטע באטיי־
ליגט אין דעם ערשטען אפיציע־
לען גאָטעס־דינסט, כאָטש זיי האָ־
בען די לעצטע בייגעטראָגען זיי־
ער חלק צו גאָט׳ס הויז?

244 וועלכער קול איז געווען דער
העכסטער, דאָך האָט אים בלויז
איינער געקאָנט הערען?

245 ווער זיינען געווען די ערשטע
פאקטישע שפּיאָנען אין נאציאָ־
נאלער דינסט ביי אידען, אן „איני־
טעלידזשענס־סוירוויס״, אזוי צו
זאָגען?

246 וועלכע פרוכט זיינען געווען די
שווערסטע אין געוויכט?

247 ווי אזוי האָבען גראָד קברים גע־
ראטעוועט א מענשליך לעבען, און
פארשאפט אים און זיינע קינדער
דעם גרעסטען זכות און גליק פון
זיין דור?

שאַרפזין

פליטערלאך — פון די סדרות

248 פון וואנען לערנען מיר ארויס אין די לויפיגע סדרות, אז א ליגען מוז אין זיך האָבען עטוואָס אמת, כדי מען זאָל אין אים גלויבען?

249 ווער איז געווען דער ערשטער צו באנוצען דעמאגאָגיע, כדי צו געווינען דעם צוטרוי פון פאָלק, און דאָך איז עס געווען מיט גוטע כוונות און על טהרת הקודש?

250 ווער האָט געריסען קריעה, און ניט אויף א מת?

251 ווען האָט קהל געוואָלט געבען סקילה צו יחידים, כאָטש זיי זיינען גראָד געווען צדיקים און דער עונש האָט זיי ניט געקומט?

252 ווען און ווי אזוי זיינען אידען געווען פארבלענדעט אין זייער רחמנות אויף אייגענע ווייבער און קינדער און די זאך, וואָס זיי האָבען געוואָלט אויסמיידען, איז גראָד געווען לטובה; דער שכר און עונש איז געווען פונקט דער היפוך?

253 וואו געפינען מיר דעם מקור פון דער מצות הפרשת חלה?

254 אין וועלכען פאל, איז ערשט נאָך נאָך מתן תורה פעסטגעשטעלט געוואָרען די פ אָ ר ם פון טויט־שטראָף, כאָטש דער עונש מיתה גופא איז שוין געווען באוואוסט?

255 וועלכער פאָדעם איז אן אָפשפּיגלונג פון דער שכינה?

256 ווער האָט צוגעוואונען א „יוד" און איז געוואָרען שפּעטער דער פירער פון זיין פאָלק, ווען גראָד אנדערע האָבען, אונטער די זעלבע אומשטענדען, פארלאָרען זייער לייב און לעבען?

257 ווער זיינען געווען די ערשטע אידישע אימפּאָרטירער פון פרוכט?

258 „לא ילווהו לא כסף ולא זהב, אלא מעשים טובים" — איז די טיפע מאָראלישע לערע פון דער אידישער תורה. ביי וועמען אבער האָט געטראָפען, אז ער האָט יאָ מיטגענומען זיין פארמעגען אין קבר אריין און ניט קיין מעשים טובים; פונקט דער היפוך פון דעם פונדאמענטאלען כלל?

259 ווען האָט וואסער ארויסגעגעבען פליישׁ?

260 ווען זיינען טליתים געווען א שליסעל צו א פאטאלער מחלוקת ביי אידען?

261 ווען און ווי אזוי איז פאָרגעקומען אן אריסטאָקראטישע רעוואָלוציע צווישען מיטגלידער פון דער זעלבער יחוס'דיגער משפּחה, וואָס האָט באצוועקט צו פירען צו א בירגער קריג?

262 ווען, וואו און ווי אזוי איז פאָרגעקומען די ערשטע ערד־ציטערניש, אלס א שטראָף פון אויבען, און ניט אלס נאטור־אומגליק פון אונטען?

263 ווען איז דער זעלבער רעליגיעזער ריטואל געווען פאר איין טייל פון דער מחנה א מלאך המות און

פליטערלאך שאַרפֿזין פון די סדרות

פאר דער אנדערער א סם־חיים, א דערלייזונג?

264 ווען האָט א שטעקען געבליט, און ווי אזוי?

265 וועלכע צערעמאָניאלע פּראָצעדור ביי אידען איז געווען א סימבאָל פון פולמאכט פאר א גאנצען שבט און פון א מיסיע, וואָס האָט געדארפט אויסגעפירט ווערען מיט בעלי חיים?

266 וועלכע צוויי ווערטער אין דער סדרה האָבען די זעלבע אָרטאָגראַפיע, דעם זעלבען אויסדרוק, דעם זעלבען טייטש, אבער זיי באדייטען באזונדערע פונקציעס?

267 וועלכער פייער איז געלעגען אונטער א צודעק, און דאָך ניט פארלאָשען געוואָרען?

268 וועלכע מוזיקאלישע אינסטרומענטען האָבען סיגנאליזירט עפענטליכע פאראָרדנונגען ביי אידען און וואָס פאר א ראָל האָבען דאָרט די באזונדערע מענער? וואָס האָבען זיי סימבאָליזירט? ווי אזוי איז מוזיק געווען די פּרימיטיווסטע פאָרם פון קהל'שען קאָנטאַקט?

דברים

„כנשר יעיר קנו על גוזליו ירחף"

(האזינו לב, יא)

269 ווען זענען סימבאָלען פון אידישער הנהגה, געשיכטע און פּאַסירונגען פארשלייערט געוואָרען אין נעמען פון פלעצער און געגענטען?

270 וועלכער אויסדרוק אין די לויפיגע סדרות איז דער אָנהויב פון א פסוק אין חומש און אויך פון א גאנצער מגילה?

271 ביי וועלכען איינצעלנעם פסוק אין א געוויסער סדרה בייט זיך דער גאנצער ניגון פון טראָפּ?

272 וועלכען קירצסטען וועג האָבען די אידען געמוזט דורכמאכען אין דער לענגסטער צייט?

273 וועלכע הייליגע לערע איז דערקלערט געוואָרען אין דער גרעסטער צאָל שפּראכען?

274 צוליב וועלכער גאווה ביי דעם „ענו מכל האדם" האָט זיך פון

אַט דעם גרעסטען אידישען פירער אַפגעטאַן די הלכה?
275 וועלכעס איינציגע וואָרט איז א רמז אויף דער גרעסטער צאָל תפילות, וואָס איין איינציגער מענש האָט פארגעבראכט פאר השם יתברך?
276 ווער האָט פון איין אבסערוואציע־פונקט אין איין מאָל געזען א גאנץ לאנד, אבער איז אהין ניט אריין?
277 ווען איז פאַרגעבראכט געוואָרען דער פארבאט מוסיף אדער גורע זיין אין דער תורה?
278 וועלכער פסוק אין דער סדרה ווערט געניצט דריי מאָל א וואָך אין אונזערע תפילות ביי קריאת התורה?
279 פון וועלכען פסוק אין דער סדרה קען מען ברענגען א רמז אויף דעם דין צו זאָגען מאה ברכות בכל יום?
280 וואו זעהען מיר, אז די תורה גיט אונז פרעסטיזש פון א קולטורעלען פאָלק?
281 וועלכער פסוק אין דער סדרה ווערט גענוצט אלס אָנהויב פון א פזמון אין דעם פריילעכסטען אידישען יום־טוב פון יאָר?
282 וואו און ווי אזוי איז געגעבען געוואָרען צו א גאנץ פאָלק א הבטחה צו באוואוינען שטעט, וועלכע זיי האָבען ניט געבויט, געניסען פון ברונימער, וועלכע זיי האָבען ניט געגראָבען און פון וויינגערטנער, וועלכע זיי האָבען ניט געפלאנצט?
283 וואו און ווי אזוי געפינען מיר א פראזע פון דעם חכם פון דער הגדה אין דער לויפיגער סדרה?
284 ווי אזוי האָט א מינדערהייט געוואונען חן ביי דעם בורא עולם, כאָטש געוויינליך קומט פאַרצוג צו דער מערהייט? פארוואָס איז עס געשען?
285 ווען האָבען מיר דעם פאל אין די סדרות, אז ביי א מאסען־פארזאמלונג האָבען „קינדער געשטופט די אלטע״?
286 פון וואנען האָבען מיר א ראיה אין די סדרות, אז ארץ ישראל איז די העכסטע פון אלע לענדער?
287 וועלכע בערג אין דעם זעלבען לאנד זיינען ביי אידען געווען סימנים פון גוטס און פון שלעכטס, און ווי אזוי?
288 וואו זעהען מיר אין די סדרות א וואונק אויף ירושלים, אלס דעם הייליגסטען פלאץ פאר השראת השכינה?
289 וואו געפינען מיר, אז די הלכות שחיטה זיינען שוין געגעבען געוואָרען צו משה רבנו מסיני?
290 ווי אזוי קען געמאָלט זיין, אז א נביא זאָל פאָרברענגען א נבואה אדער א מופת, וועלכע ווערט מקוים, און דאָך איז ער א נביא השקר און איז חייב מיתה?

291 ווען און ווי אזוי איז גאָר א מצוה צו הרג'נען אייגענע משפחה,

292 וואו און אין וועלכען אויסדרוק פון די סדרות ווערען אידען אָנגערופען השם־יתברכ'ס קינדער?

293 וואו און ווי אזוי געפינען מיר א פארבאָט פון איבערגעטריבענער אבלות אויף א מת, און פארוואָס?

294 וואו געפינען מיר אין די לויפיגע סדרות די כללים פון כשרות און אידישער דיעטע?

295 וואו געפינען מיר אין די לויפיגע סדרות די דינים פון לאנדווירטשאפט און צדקה, וועלכע זיינען פארבונדען איינע מיט די אנדערע?

296 וואו און ווי אזוי איז א מצוה פארגליכען געוואָרען צו דעם נידעריגסטען פלאץ אין מענשליכען קערפער?

297 וואו דערוויסען מיר זיך אין די לעצטע סדרות וועגען באצילען, אלס ווירקזאמען, מלחמה־וואָפען נאָך אין די אלטערטימליכע צייטען?

298 אויף וועלכען בשר ודם האָט דער רבונו של עולם אויסגעדריקט דעם העכסטען טיטעל ביים לעבען, ווי אויך נאָך זיין טויט?

299 וואו און אין וועלכען לשון ווערט אין די לעצטע סדרות געבראכט דער מאמר, אז קרעדיט פאר א מצוה באקומט דער, וואָס פארענדיגט זי?

300 וואו און אין וועלכען לשון געפינען מיר דעם אויסדרוק, אז דער מענש נויטיגט זיך פאר זיין לעבען אין מער, ווי ברויט?

301 וואו איז געווען דער פאל, אז זאַכען האָבען געדינט די לענגסטע צייט, און זיינען געבליבען גאנץ אומבאשעדיגט אויף די קערפערס פון זייערע טרעגער, און אז זיי זיינען אפילו געוואקסען אין מאָס מיט דעם גאנג פון יאָרען?

302 וואו און ווי אזוי דערוויסען מיר זיך וועגען די נאטירליכע רייכטימער, מינעראלען און פרוכטען פון ארץ ישראל? ברענגען דעם לשון.

303 וואו טרעפען מיר א וואָרנונג, אז דער נסיון העושר, רייכקייט און פארמעגליכקייט, קאָן, חלילה, פירען צו גאָטלאָזיגקייט?

304 ווער האָט באקומען א הימלישען געבאָט צו טאָן א מלאכה פון שטיין־קריצונג?

305 וואו און ווי אזוי דערוויסען מיר זיך אז צדיקים זיינען אויף אן ענליכער מדרגה ווי די לוחות הברית? פון וועלכען ביבלישען עפּיזאָד אין די לעצטע סדרות לערנען מיר דאָס אפ? ברענגען דעם מקור און לשון.

306 אין וועלכען פסוק געפינען מיר דעם סך הכל פון אלץ וואָס דער רבונו של עולם פארלאנגט פון אידען, אויסגעדריקט אין עטליכע געציילטע ווערטער?

307 ווי אזוי קאָן מען זיך באהעפטען אן געטליכקייט, כאָטש דער רבונו של עולם איז דאָך קיין דמות הגוף ואינו גוף?

308 ווען מעס אויגען זיינען געווען געווענדעט צו א געוויסען לאנד א גאנצען קיילעכדיגען יאָר?

309 וואו ווערט אין די סדרות געבראכט א בפירוש'ע ראי', אז געלט „שטעלט א מענשען אויף זיינע פיס"? ברענגען דעם מקור און לשון.

310 וואו געפינען מיר אין די לויפיגע סדרות א מקור, אז מען דארף לערנען תורה אין לשון הקודש מיט א אידיש קינד? ברענגען דעם מקור און דעם לשון.

311 ווי מיר ווייסען, איז אלץ אין דעם רבונו של עולם'ס רשות. דאָך איז פאראן א זאך, וואָס איז ניט אין זיין מאכט, און איז אבסאָלוט אָפּהענגיג פון דעם מענש אליין. וואָס איז עס אזוינס, וואו געפינען מיר עס אין די לויפיגע סדרות? ברענגען דעם מקור און לשון.

312 וואו געפינען מיר אין די לויפענדיגע סדרות א געבאָט פון שאפען יורידישע און עקזעקוטיווע ארגאנען אין עפענטליכען אידישען לעבען?

313 אין וועלכען פסוק אין די סדרות טרעפען מיר דעם זעלבען וואָרט איין מאָל נאָכ'ן אנדערען?

314 ווען האָבען ביי אידען די עדות גופא געדארפט אויך זיין די הענקערס פון דעם שולדיגען בעל עבירה, וועלכער איז חייב מיתה?

315 פון וואנען איז די ראי', אז דער בית המקדש איז געווען דער העכסטער פון אלע פלעצער? מקור אין די סדרות.

316 פון וואנען איז די ראי' אז יעדער גייסטיגער פירער אין זיין דור פארדינט רעספעקט, כאָטש ער מעג זיין ווייניגער קוואליפיצירט ווי זיינע פאָרגענגער אין די פריערדיגע דורות? מקור אין די סדרות.

317 וואו געפינען מיר די נויטיגע קוואליפיקאציעס פון א אידישען מלך?

318 ווי און אין וועלכער סדרה ווערען באצייכענט די פריווילעגיעס פון די לויים?

319 וואו געפינען מיר אין די לויפענדע סדרות דעם פארבאָט פון כשוף?

320 וואו געפינען מיר ביי אידען דאָס ערשטע מאָל דעם געזעץ פון מלחמה דינסט אויסנאמען („דעפערמענטס")?

פליטערלאך שאַרפזין פון די סדרות

321 וואו געפינען מיר די כללים פון מלחמה־סטראטעגיע ביי אידען, אין די לויפענדע סדרות?

322 וואו געפינען מיר די אידישע תורה־כללים פון פראַצעדור, ביי א מיסטעריעזען מאָרד, ווען מען געפינט דעם קרבן און דער מערדער איז אומבאקאנט?

323 פון וואנען און ווי אזוי דערוויסען מיר זיך פון די סדרות, אז מיליטערישע פאראָרדנונגען און רעגולאציעס וועגען ארמיי־דינסט זיינען שוין אין די אלטערטימליכסטע צייטען פראָקלאמירט געוואָרען ביי אידען אין לשון הקודש? ברענגען דעם מקור.

324 וואו טרעפען מיר אין די סדרות און פירושים אויף זיי דעם אויסדרוק ישראלים (און ניט „בני ישראל") טאקע אזוי ווי אידען ווערען איצט אָנגערופען אלס נאַציע? ברענגען דעם מקור!

325 וואו טרעפען מיר אין די סדרות. אז דער גייסטיגער פירער „הויבט אויף" דאָס פארמעגען פון די בעלי־בתים, כאָטש זיי האָבען די „אויבער האנט"...? ברענגען דעם מקור און לשון!

326 ווי קאָן געמאָלט זיין, אז איינער זאָל ברענגען זיין מתנה פון צייטיגע פרוכט צום כהן און דאָך ניט טאָרען מאכען די נויטיגע דעקלאַראציע, וועלכע איז פאָרגעשריבען פאר דער פראַצעדור? ווער איז אָט דער „יוצא מן הכלל" און פארוואָס איז עס אזוי?

327 וועלכער אויסדרוק אין א געוויסער סדרה ווערט דאָס איין און איינציג מאָל גענוצט לטובה, אבער ערגעץ אנדערש, אין די סדרות פון חומש ווערט ער דורכאויס גענוצט לרעה? אָנווייזען די פאלען וואו אָט דער אויסדרוק איז טאקע דוקא א שלעכטער סימן (אין היפך צום פאל פון דער דאָזיגער סדרה)!

328 אין א געוויסער סדרה טרעפען מיר דעם זעלבען שם־הפועל אין 2 פסוקים איינע נאָך די אנדערע, וועלכער באצייכענט דעם גרונדפרינציפ פון גענענזייטיגער באַציאונג פון השם יתברך און דעם אידישען פאָלק, וועלכער וואָרט איז עס?

329 ווען זיינען אידען אָנגעזאָגט געוואָרען צו מאכען א מאָנומענט אין מיטען וואסער, און וואָס האָט דערויף געדארפט זיין אויסגעקריצט?

330 ווען האָט א גאנץ פאָלק געדארפט געבען זיין אָפיציעלע צושטימונג אויף קללות, און אין וועלכען לשון?

331 וואו זיינען הימעל און ערד פארגליכען געוואָרען צו מעטאלען אין די לויפענדע סדרות?

332 וואו איז אין דער תורה אָנגעדייטעט געוואָרען די דעגענעראציע

פון קאַניבאַליזם (מענטשן־פרעסע־ריי)?

333 וואו דערוויסען מיר זיך אין די לעצטע סדרות וועגען דער פראַ־צעדור אין באַצוג צו קריגס־גע־פאַנגענע?

334 וואו געפינען מיר דעם פאַרצוג פון יושר און געזעץ איבער סענטי־מענט אין א פּראָבלעם פון „בי־גאַמי" (צווײ־ווײַבערישקייט) און די קינדער וועלכע שטאַמען פון דאַרט ארויס?

335 ווען איז א מצוה, אז טאַטע־מאַמע זאָלען אליין איבערגעבען זייער קינד צום אומקום און פאַרוואָס?

336 וואו געפינען מיר דעם פרינציפּ פון רעספּעקט פאַר א מענטשליך גוף, אפילו נאָכ'ן טויט, און אויס וועלכען גרונד?

337 וואו לערנען מיר אין די סדרות וועגען דעם דין פון השבת אבדה?

338 אין דער מאָדערנער מאָדע טרע־פען מיר אָפּט דעם אויסדרוק „לא גאַרסאָן", וואָס מיינט אז א פרוי קליידט זיך אדער טראָגט די פריי־זור, ווי א מאַן. וואו געפינען מיר פאַרבאָט דערויף. ווי אויך דאָס זעלבע אין באַצוג צו א מאַן, וואָס טאָר זיך ניט קליידען ווי א פרוי? פאַרוואָס איז אָט דער פאַרבאָט בפירוש פאַרגעשריבען אין דער תורה?

339 וואו און אין וועלכען פאַל געפינען מיר די מידה פון „צער בעלי חיים" אין די סדרות בפירוש פאָרגעשריבען געוואָרען אין דער תורה?

340 וואו געפינען מיר אין די לעצטע סדרות ארכיטעקטוראַלע פאָר־זיכטס־פאַרשריפטען?

341 וואו געפינען מיר תורה־רעגולאַ־ציעס פאַר געשלעכטליכער זיט־ליכקייט אין די סדרות?

342 וואו געפינען מיר אין די סדרות פאַרשריפטען וועגען היגיענע פון די סאַמע עלעמענטאַרסטע מענטש־ליכע באַדערפענישען און פיזיאָלאָ־גישע פונקציעס?

343 וואו טרעפען מיר א געבאָט פון א מין רעליגיעזען „האַביאַס קאָר־פוס", פרינציפּ פון מענשליכער אומבאַרירליכקייט?

344 וואו טרעפען מיר רעגולאַציעס וועגען פינאַנציעלע טראַנזאַקציעס און פראָצענט?

345 וואו געפינען מיר די פאַרשריפט וועגען וואָג און מאָס?

346 ווען זיינען צוויי עדות געבעטען געוואָרען צו הערען, כאָטש זיי זיי־נען ניט געווען קיין לעבעדיגע ווע־

זענס און באזיצען ניט קיין חוש השמיעה?

347 וועלכער פסוק אין די לעצטע סדרות איז דער אָנהויב פון א תפילה וועלכע מיר זאָגען יעדען טאָג?

348 וועלכער גרויסער אידישער פירער האָט אין זיין לעבען גע־זאָגט 2 שירות אין די וויכטיגסטע מאָמענטען פון זיין רעליגיעז־נאַ־ציאָנאַלער קאַריערע, און וואָס זיי־נען אָט די שירות?

349 וואו זעהען מיר א ראי׳ פון די סדרות, אז מען האָט געדאַרפט ענטפערען: „ברוך שם כבוד מלכותו" נאָך יעדער ברכה שבמקדש?

350 וואו ווערט אין די סדרות אונטער־געשטראָכען זעהר שטאַרק די באַ־דייטונג פון געשיכטע און דער רע־קאָרד פון די פאַרגאַנגענע דורות, און פאַרוואָס?

351 וואו און ווי אזוי ווערט דער רבונו של עולם פאַרגליכען, אין די סדרות, צו א פויגעל און די כנסת ישראל צו זיינע עופה׳לעך?

352 אין וועלכען אויסדרוק אין די לעצטע סדרות ווערט בפירוש ער־קלערט, אז תורה מיינט לעבען, און ווי איז דער מקור און לשון?

353 ווער איז באַשאַנקען געוואָרען מיט דער מתנה פון דעם זעלבען טויט, וואָס ער האָט מקנא געווען ביי זיין ברודער?

354 וואו זעהען מיר אין די לעצטע סדרות די גרעסטע רעליגיעזע דע־מאָקראַטיע ביי אידען אין זיין פון געמיינשאַפטליכען בונד און אחריות?

355 וואו טרעפען מיר אין די סדרות דעם אויסדרוק „באַשטאַנד", אלס קאָלעקטיווע מדרגה פאַר א גאַנץ פאָלק?

356 ווי אזוי איז ביי אידען שוין פון פאַראויס פאָרמולירט געוואָרען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון דורות, וואָס דאַרפען נאָך ערשט קומען אויף דער וועלט, און וואו טרעפען מיר עס אין די סדרות?

357 וואו און אין וועלכע אויסדרוקען טרעפען מיר אין די לויפענדע סדרות א נבואה אויף א היסטאָרי־שער פאַסירונג אין לעבען פון א פאָלק, וואָס קומט איצט פאַר אין אונזער דור פאַר אונזערע אויגען?

358 פון וועלכען וואָרט אין די סדרות קאָנען מיר אַרויסדרינגען וועגען דעם כלל פון „שכינתא בגלותא" צוזאַמען מיט די אידען?

359 פון וועלכע סימבאָלישע פּראַ־זען אין די לויפענדע סדרות לער־נען מיר אַרויס וועגען דער לייכ־טער צוטריטליכקייט פון תורה?

360 וואו און ווי אזוי לערנען מיר אַרויס פון די לויפענדע סדרות ווע־גען דער אידישער פּריווילעגיע פון בחירה חפשית.

שארפזון

ביבלישע און פאלקס-



רעטענישען

חלק ג׳

ביבלישע און **שאַרפֿזין** פאָלקס־רעטענישער

חלק ג׳

1

אַ פשוט'ער שכל!

1. עס איז פאַראַן אזא זאַך, וואָס פאַרמאָגט אַ סך שטעט, אָבער אָן הייזער; אַ סך וועלדער, אָבער אָן ביימער; אַ סך טײַכען, אָבער אָן וואַסער. וואָס איז עס?
2. וואָס איז עס אַזוינס, וואָס עס געשעט כסדר צו מענער, פרויען און קינדער און צו יעדער באַשעפעניש אויף דער וועלט, אין דער זעלבער מינוט, אויפ'ן גאַנצען ערד־קוגעל! אין וועלכער דערשיינונג האָבען זיי דעם זעלבען שיקזאַל אין לעבען, אָן אונטערשייד פון ראַסע, קלאַס און מין?
3. וואָס שוועבט פאַרביי די זון, און דאָך לאָזט עס ניט איבער קיין שאָטען?

2

אידיש־העבּרעאישע רעטעניש

פון משה נאָבעלמאַן

(טאָראָנטאָ, קאַנאַדע)

איך שטיי אויף זילען זיבּען,
אין חומש בין איך פאַרשריבּען;
פון מיינע ערשטע צוויי,
און אַפּקלאַנג ווערט פון זיי.

זעקס און זיבּען גיב אַ שטעל,
געפינסט באַלד ברויט בײַ דיין שוועל;
פיר דריי פינף אויף שפּאַציר,
אַ „ספק חי' און בהמה" בלײַב מיר.

די לעצטע דריי זערמון,
באַגעגענסט נח'ס זון;
האָבּן אַלע זיבּען גייען צוזאַמען,
פון די „עופות טמאים" זיי שטאַמען.

3

רעטעניש

פון יוסף זאב שײַקעוויטש

ניוארק, נ. דזש.

דער אַלטער ווערט פאַרלאָרען,
און אַ נייער ווערט געבּאָרען.
12 קינדער און 52 קינדסקינדער
מײַן פאַרמעגען. מײַנע שאָף און רינדער.

איך בין דער זעלבער אַלעמאָל,
עס בייט זיך איבער בלויז מײַן צאָל.
איך בין דער ערשטער נאָך בר מצוה,
קום איך געבען לעבענס־קצבה.

ווען איר צעטיילט מיר אויף צווייען,
ווערט מײַן „האַנט" „שוואַך" פון
ווייען.

שטעלט איר מײַן ערשטע העלפט
פאַרקערט.
שטאַם־פאָטער פון די ערשטע דורות
דערפון ווערט.

ווער בין איך זאָגט מיר נאָר,
וועל איך אײַך וווּנשען אַ גוט יאָר.

ביבלישע און **שאַרפזין** פאָלקס־רעטענישען

אידיש־העברעאישע רעטעניש

4 פון שרה־רבקה׳לע רייזמאַן
ברוקלין, נ. י.

צוויי צדקניות זענען מיר געווען,
גרויסע נסים זענען מיט אונז געשען.

ביידע צוזאַמען און אַלע אינאיינעם,
האָבען 7 אותיות, ווי 7 קרוינען.

די ערשטע צוויי פון ערשטען נאָמען
באַדייטען אַ האָר,
אויב אָבער פאַרקערט, אַ אומגליק,
אַ צער.

ווייל, ווען גלייך, בין איך אַן עושר
אַ גביר,
און ווען פאַרקערט, אַן אָרימאַן ביי
דיין טיר.

די ערשטע צוויי פון צווייטען נאָ־
מען, אַ למדן, אַ רב,
און אויב פאַרקערט, אַ בן־זכר, אַ
שמחה, מזל־טוב.

די לעצטע צוויי פון ביידע נעמען,
אַ יחסן, אַ יוד,
כאָטש מען פייניגט מיך, דאָך איז
מיר וואויל און גוט.

ווייל מיט מיר הויבט זיך אָן אַ
פאָלק און אַ לאַנד,
מיט מיר גיסט דו שלום, כ׳בין דער
שפּיץ פון דיין האַנט.

און אויב ווילסט וויסען דעם פּתרון,
ווער איז ווער,
צו די אמהות גאַנץ גיב זיך אַ קער.

אידישע רעטעניש

5 פון הערשי בעק
ברוקלין

ביים סאַמע אָנהויב פון „שבת״
זיצען די בנים און „אבות״
געמיטליך אַרום טיש ביי דעם „רבין״
מיט יראה, מיט חדוה, מיט „פריידֿ״,
און לוסטיג מען זינגט די „זמירות״,
ערהויבען איז דאָרט יעדער „ייד״
פון קדושה און פון די „ניגונים״.
עס איז ניט בלויז אַ מעשה פון
גבורות,
נאָר טאַקע אין סוף פסוק פון די
שורות
געפינט איר באַלד מיין באַשייד.
מיט חכמה איך בליץ און איך פינקל,
און אַליין איך שטיי אין אַ „ווינקל״.
איר לייענט מיך יעדע וואָך,
פון ראשי תיבות איז מיין מיין און
מיין תוך

אידיש־העברעאיש רעטעניש

6 פון לואיס ראַדיצקי בראָנקס

פון דריי אותיות, ניט מעהר,
איז מיין נאָמען אויפגעשטעלט;
נאָר רשעות איך פאַרמאָג,
צו באַטיילען א גאנצע וועלט.

צו מיין ערשטען און דריטען,
זאָלט איר זיך ניט צוריהרען,
ווייל איר קענט נאָך, חלילה,
אייער גאַנץ לעבען פאַרלירען.

מיין צווייטער און דריטער,
איז פון גאָט א געשאנק;
אויב איינעם זאָל עס אביסעל פעהלען,
איז ער דאַן ערנסט קראַנק.

7

אידיש־העברעאישע רעטעניש

פון יוסף חיים חדש
(אָנטאַריאָ, קאַנאַדע)

„תרי״ג מצות״ האָבען מיך אין זינען,
ביי משה רבנו קענסטו מיך אויך געפינען,
אפילו אַ „צדיק״ מוז מיך פאַרמאָגען,
און אויך אַ „ל״וואָווניק״ מוז מיך טראָגען.

כאָטש מיינע צוויי טראָגען דעם „גלות״־עול,
דאָך אַלץ גאַנצער בין איך פרייהייטס־סימבאָל;
איך ווער באַצייכענט אַלס „אָרימער״ ביסען,
אָבער אָרעם און רייך מוזען פון מיר געניסען.

ווילסטו וויסען, וואָס איך בין און מיין,
דערמאָן זיך אַז אַ יום טוב פאַר גרויס און קליין.

8

אידיש־העברעאישע רעטעניש

פון משה פרידמאַן
ברידזשפאָרט, קאָנ.

4 אותיות און 3 הברות, מיין גאַנצער
באַשטאַנד
איך בין אַ טייך אין אַן אַלטער־
טימליכען לאַנד.
מיין אָנהויב איז קורץ אָבער זעהר
שאַרף,
אָבער מיין סוף זעהר לייכט זיין
דאַרף.
אויב נאָר דער חומש ליגט דיר אין
זין,
ווייסטו לייכט געפינען, וואָס איך
מיין, וואָס איך בין.

שארפזין

חידות



בחרוזים

חלק ד׳

חלק ד׳

1

חידה

מאת יוסף זאב שייקאָוויץ
נוארק, נ. דזש.

ביתי נבנה משבעה חדרים
והרבה מושגים בתוכי גרים;
תחת צלי חותן משה מתלונן,
וגם „רבי" אשר דעת חונן;
כלת יהודה נמצאת במעוני,
והעיר, שעבור תרנגולת חרבוני.
ומן ההגדה מקח הגדי,
וחד סממני הקטורת יש בי.
„בור" לשאוב מים חיים בחצרי,
ופעם הנני „בער" מנעורי;
„ברית" כרותה בינינו ורבון העולמים
ב„נשך" לאחיך לא תלוה דמים,
ועתה בנקל תמצא פתרוני,
כי מלה בסדר „הר סיני" הנני.

2

חידה

מאת משה נאָכעלמאַן
טאָראָנטאָ, קאַנאַדע

על ארבעה יסודות תעמידני,
ובשלש הברות תבטאני,
אם תקחני בשתים,
אהי׳ „דגן שמים".
קחני שוב בשתים,
תצילני „משטף מים";
אם משמאל לימין תקראני,
אז „מלא חן" תמצאני.
בשלש אם תקחני,
בין „שמות הטעמים" תראני,
כולי „אבי שופט" תפגשני,
ונביא „מתרי עשר" בהפכני.

3

חידה

מאת רעוו. חיים יצחק לובינסקי
איסטאָן פּאַ.

בן ארבע אותיות הנני,
ובשתי הברות תבטאני;
במשנה ובתלמוד תפגשני,
אך בכתבי הקודש לא תמצאני.
הכהנים עמדו עלי בשעת ברכתם
הלויים — בשעת זמרתם ושירתם,
ומלמדי תינוקות בלמדם לפעוטותם
מה אני הבן והגידה
ומצא פתרון — לחידה!

4

חידה

מאת שלמה בלאַט
אליפאַנט, פּאַ.

בביתי נמצאים חדרים שמונה,
ושלשה ירחים זה אצל זה חונה;
ראשון ואחרון — בן אדם הנני,
ששי ושביעי למת תחשבני,
ראשון, שני, שלישי ורביעי — כשורה,
נער קודם קופץ בחבורה;
חמישי ושישי ים הומה וסוער,
וכולי בסדרות, דבר ד׳ כסנה באש בוער,
יסודי מראשי תיבות וטיב ערכי — תענית,
של שני וחמישי ושני עבור הנפש המתענית
מה אני — סדר המקרא יורוך,
אם מהלך הסדרות שגור בפיך.

5

חידה

מאת הרב צבי גפן
סאוואננאה, דזשע.

חשוב ונכבד לפנים הייתי,
כי בלעדי לא ידעו לישא אשה,
אך בעונותינו הרבים, האהבה דחתני,
נפל נפלתי, וד׳ יעזרני.
בחלקי הראשון — משחית יופיע,
ובחלקי השני, כבנות צלפחד אביע.
אם רק תפיל את ראשי; ואז תהפכני,
דע והבן, כי בן בנך הנני;
אם את "דלתי" הלאה תזרוק,
"טוב" הנני מאת רחוק;
אם רק תקראני משתי הקצוות,
איכא דאמר, מקומי בין הנזיקין האבות.

6

חידה

מאת הרבני פ. שולמאן, שו"ב
רעטראיט, מי׳

חברה אחת ושתי אותיות דומות,
בבנין אחת נצמדות כתאומות;
מסמנות חומר, וגם מספר מתנות,
ומזכתרות הנה בתכונות שונות.
פעם יש להן טיב ופירוש,
בין אבני חן בארמון אחשורוש;
אם שרים מלבישות בגדי חמודות,
"צירה" סימנן בין הנקודות.
הנני רק הגה ומילה,
ולך אתן שבח ותפלה,
אם תמצא פתרוני, הנא הגידה,
מה אני ומה סוד החידה!

7

חידה

מאת חיים אלחנן עהרליך
בראנקס, נ׳.

שבעה חכמים, יודעי בינה,
בסוכה ישבו בגילה ורינה;
קם אחד מהם, פתח ואמר,
בקול רם ובנעים זמר:
"אחוד חידה לכם,
מי שיפתרנה מכם,
יקדש ראשון על היין.
"שקר יש לו רגלים,
אמת אין לו רגלים."
כיצד זה ומאין,
תדעו, אם תאבו לעיין,
בראשי תיבות של מגילות,
אשר בחגים וזמנים רגילות;
ועכשיו מי יפתור כדת,
עבורו מוכן כבר כוס."

8

חידה

מאת יצחק פאול, ברוקלין

בנים לא ילדתי,
אך ערירי לא מתי,
את חיי בחטאי אבדתי,
אבל מאד הללו אותי,
הודות נשים מחוכמות,
כשדברו העלמות,
וחלק בארץ חמדה השיגו,
על פי פקודה משמים,
נחלה רחבת ידים;
את שמי תדעו, אם תיגעו,
ובמקרא יש לכם ידיעה ויתרון,
אז בזכרונו יעלה הפתרון.

9 חידה

מאת פסח קאַנטאָר
באַלטימאָר, מער.

כּלי, שש אותיות ושלש הברות,
ותכונותי וגווני בעור נכרות
ראשוני ואחרוני זה לזה דומים,
בערכם ומספרם, כשני תאומים.
תיכוני „כמו" מציגים לדוגמה ישרה,
בשני, שלשי וחמשי, פעמים עשרה,
נענשו צוררינו, רודפינו ונוגשינו,
עד שהסכימו לשחרר את אבותינו,
מעבדות לחרות, משעבוד לגאולה,
אבל בעצמם נטבעו בים מצולה.
ואם עדיין לפתרון אינך מגיע,
חפשני ומצאני בפרשת תזריע.

10 חידה

מאת א. ש. נעדזוועדאָוויין
מעקסיקאָ

סוף של סוף — ראש התיבה,
ראש של סוף — סוף התיבה,
וכאשר באָ נח אל התיבה,
נגמרה — התיבה.
הקדשתי שם שמים,
ולנצח נצחים נתנו לי חיים.
וגם איש בשורה הנני,
ועכשיו הכירני, הבינני!

11 חידוד

מאת משה פּאָרטעס
מעקסיקאָ

איש אחד פגש את חברו ושאל,
„מה שמך?"
ענה השני:
„אמצע שמי — תחילת שמי,
תחילת שמי — אמצע שמי,
ואם את סופי תחלק,
תמצא אחרית שמי
ובכן: — מה שמי?"

12 חידה

פון אברהם משה הילמאן
(לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.)

בני ישראל נצטוו לעשות ממני מזבח
להקריב קרבנות ולהעלות ריח ניחוח,
לצור העולמים כי גאה גאה,
ובמעמדי משתתפים יסודות ארבעה.

אם אפילו מסופי תחסרני,
עדיין יש לי תיקון, כי מימינך הנני,
ואם גם ראשי תגרע מימינך ומשמך
עדיין קיים אנכי וגוזל בעורקיך:

מה אני? בנקל תמצא הפתרון,
אם הגית בתורה, ויש לך כשרון.

13 חידה

מאת רפאל פערסקי. שו"ב
סינסינעטי. אָהייאָ

אבי ראש שבט מיוחס אנכי,
ושש אותיות מסתופפות בתוכי.
אם לשנים תחלקני,
חציי האחרון בעונש באש תשרפני,
כי חטאתי ולקיתי מדה כנגד מדה,
ובמקום עלי' לדוכן היתה לי ירידה
ואבי שתק כאבן דומם.

ככה מן האסון הי' נשתומם
אם סופי תסיר ממני,
כלי למים תתנני.
אם תסיר הראש מחציי הראשון,
שאלה תדקור מוחך, לא תוכל לישון;
ואם את שתי אותיותי הראשונות
תרום,

הנני כנוי לגוי ולאום.
מי אני, הבן והגידה,
ומצא פתרון לחידה!

שארפזין

לומדי'שע

שיחת חולין,

שאלות ותשובות,



פאָלקלאָר

חלק ה

חלק ה׳

שואלים ודורשים בהלכות הפסח

1 ווי אזוי קאָן אין בלויז עטליכע מינוט א גוי ווערען א בעל הבית איבער אידיש פארמעגען, דערצו לחלוטין על פי דין?

2 ווער מוז זיך אויסלייזען, כאָטש ער איז א פרייער מענש?

3 ווי קאָן געמאָלט זיין, אז דער פרעגער זאָל ביים סדר פארענטפערן זיינע אייגענע פיר קשיות?

4 ווי קאָן געמאָלט זיין, אז א איד זאָל אויף זיך אליין אוסר זיין מצה בפסח, און זיין איסור זאָל זיין אין קראפט, כאָטש אכילת מצה איז מדאורייתא די ערשטע נאכט?

5 וועלכער איסור איז איינער פון די הארבסטע אין איכות, אבער מען קאָן זיך פארזינדיגען מיט דער קלענסטער כמות?

6 מיט וועלכער ברכה קאָן מען יוצא זיין א גאנצע ריי פונקציעס אפילו אין באזונדערע פלעצער?

7 אין אונזער הייליגען ריטואל, איז פאַראן די ערשטע געשיכטליכע אינפאַרמאציע וועגען א מעטאָדע פון צוריכטען עסענווארג, וועלכע מיר געברויכען יעדען טאָג אין יאָר, באזונדערס דאָ אין אמעריקע, און, הויפטזעכליך, צוליב דעם פאַריאָגטען לעבען אין מאנגעל אין צייט פאר א פולען מאָלצייט. וואָס איז עס אזוינס, און ווער איז דער ערפינדער?

8 מיר דערוויסען זיך אויך פון א הייליגען טעקסט, וועגען א מעטאָדע צו פארלייכטערען דעם זכרון דורך ראשי־תיבות. וואָס מיינען מיר מיט דער מנעמאָניק, וועלכע איז איצט זעהר פּאָפולער אין אלע וויסענשאפטען און געביטען פון לעבען?

9 ווי קאָן געמאָלט זיין, אז מען זאָל דעם שבת׳דיגען שלש סעודות גאָר עסען אין דער פרי, דערצו על־פי דין?

10 געוויינליך איז א זינד צו טדעטען אויף ברויט. ווי אזוי קאָן זיין מעגליך, אז מען זאָל על־פי דין דארפען ווארפען ברעקלעך ברויט און אנדערע עגליכע שפייז אויף דער ערד במקום דריסת הרגל, דערביי נאָך על פי דין און אלס א תיקון לשם מצוה?

11 עס איז פאראן א דעה ביי די פוסקים, אז מען זאָל שבת מעגען דורכפירען א מקח וממכר לשם מצוה ווי קען דאָס געמאָלט זיין?

12 ווען און וואָסערער תענית פון פסח־סעזאָן מוז ווערען א „מוקדם”, גערוקט מיט אייניגע טעג פריער פון זיין אייגענטליכער דאטע?

13 וועלכער איינציגער טאָג אין יאָר איז לויט די דינים, וואָס זייבען אין אים חל, האלב־וואָכעדיג און האלב יום־טוב׳דיג?

14 וועלכע תפילות וואָס ווערען געוויינליך געזאָגט נאר בייטאָג ווערען אבער צוויי מאָל א יאָר נאָכאנאנד געזאָגט אויך ביינאכט?

פּריטערלעך
פונ׳ם יו״ט סעזאָן

15 ווי, ווען און פארוואָס איז איין טלית גענוג איבער א סך קעפּ, ווען געוויינלעך קען זיך דערין איינהילען בלויז איין פּערזאָן?

16 ווי קען געמאָלט זיין, אַז אַ אידיש קינד זאָל האָבען אן עליה צו דער תורה אפילו נאָך פאר בר־מצוה?

17 ווי אזוי קען מען זיין א חתן, ווען מען האָט שוין אפילו קינדס־קינדער, אדער ווען מען מאכט דערנאָך בכלל ניט קיין פאַקטישע חתונה?

18 וועלכער איינציגער יום טוב צעשפרייט זיך איבער צוויי חדשים אין דעם אידישען לעבען?

19 וועלכער יום טוב האָט שוין אין זיין אייגענעם נאָמען א רמז אויף דער דאטע, ווען ער פאלט אויס?

20 מיר ווייסען פון דעם כלל, אז „תדיר ואינו תדיר — תדיר קודם”. ווען און ווי אזוי האָט ביי א געוויסען אידישען יום טוב גראָד דער „אינו תדיר” פאָרצוג פאר דעם „תדיר”, אין געגענזאץ צום אלגעמיינעם כלל, און פארוואָס? ווי איז עס מעגליך, אז דאָס זעלטענע און צופעליגע זאָל קומען פריער פאר דעם שטענדיגען און געוויינליכען?

21 ווי קאָן געמאָלט זיין, אז א איד, וואָס איז גאָר קיין „חיוב” ניט, זאָל האָבען פאָרצוג צום עמוד אפילו לגבי א „יאָרצייט”. דאָס קאָן געשען אין באשטימטע טעג פון א ספּעציעלען סעזאָן. ווען איז עס?

22 ווען איז מען דוקא יוצא מיט א פרעמדען טלית, און ניט מיט אן אייגענעם? (אויך אין די טעג פון א באשטימטען סעזאן).

23 ווי קאָן געמאָלט זיין, אז בדי־עבד זאָל מען ביי א קיום מצוה, וואס מיר טוען אין געוויסע טעג, קאָנען יוצא זיין מיט יע־נעמ׳ס זכרון, כאָטש אליין גע־דענקען מיר ניט אדער מיר וויסען ניט גענוי די באטרע־פענדע זאך?

היכי תמצי

24 וועלכער לענגסטער „בריוו״ אין דער אידישער געשיכטע איז בלויז איינמאָל געשריבען גע־וואָרען, אבער ווערט יאָר־איין, יאָר־אויס געלייענט ברבים? ווי אזוי קאָן עס געמאָלט זיין?

שאלות ותשובות

25 עס איז פאַראן א בפירוש׳ער מאמר חז״ל: „אין הברכה מצוי׳ לא בדבר השקול ולא בדבר המדוד ולא בדבר המנוי״ (תענית ח׳), וואס מיינט, קיין ברכה קאָן ניט חל זיין אין א געציילטע זאך. פירען מיר אבער א חשבון, וועלכער קומט גראָד מיט א ברכה, און ווערט פון טאָג צו טאָג אלץ גרעסער. איז דאָך א סימן, אז עס שאדט ניט צו הצלחה אין געגענזאץ צו דער באהויפּטונג פון מאמר חז״ל. וואָס איז עס אזוינס, און ווי קאָן עס געמאָלט זיין?

26 וועלכע מתנה איז געגעבען גע־וואָרען בלויז איין מאָל, און דאָך, נעמען מיר זי יעדען יאָר?

27 ווי אזוי קען געמאָלט זיין, אז א אידיש קינד, וואָס איז געבאָ־רען געוואָרען פריער אין דעם זעלבען מאָנאט, זאָל ווערען בר־מצוה א סך שפּעטער, און זיין חבר, וואָס איז געבאָרען געוואָ־רען שפּעטער אין דעם זעלבען מאָנאט, זאָל אבער ווערען בר־מצוה א סך פריער?

שאלה ותשובה

פון הערש בעק
ברוקלין, נ. י.

28 ווען קאָן חמשה עשר (ט״ו) אויספאלען אום ראש חודש?

א היכי תמצי

29 וועלכער תשמיש־קדושה ביי אידען האָט געהאט די מערק־ווירדיגע אייגענשאפט, וואָס עס איז געווען פארבאָטען אים צו פּראָדוצירען מיט א הארבער

שטראָף פאר דעם „מאנופעקטשורער”, אבער קיין עונש איז גראָד ניט חל געווען אויף דעם „באנוצער” פון פראָדוקט, כאָטש ער איז ניט געווען די בארופענע פערזאָן פאר דעם ריטועלען צוועק?

30 ווי קאָן געמאָלט זיין, אז א געוויסער ראש השנה זאָל חל זיין אויף א זאך דוקא אין איין באַשטימט לאנד, אבער ער ווערט אָפּגעהיט דורך אידען אין אלע לענדער אויף דער גאנצער וועלט?

אידישער פאָלקלאָר

31 א גבאי האָט זיך אמאָל באַקלאָגט אויף זיין שמש, אז ער ליידט פון אים זעהר. בדרך הלצה האָט ער זיך אויסגעדריקט:

—פאראן ביי אידען נאָך צוויי אנדערע שמשים: איינער ווערט פארדרייט, דער אנדערער ווערט פארברענט, און פון מיין שמש קאָן מען גאָר ניט לויז ווערען.

וועלכע צוויי שמשים האָט ער געמיינט?

32 ווי מיר וויסען, ווערען „ליטוואקעס” נכשל מיט דעם אות „ש”, וועלכען זיי קאָנען שארף ניט ארויסריידען.

איז אבער פאראן אן אינטערעסאנטער ביבלישער עפּיזאָד, וועלכער ווייזט, אז אָט דער ליטווישער דיאלעקט, באַזונדערס די שוועריגקייט מיט'ן „ש”, איז שוין געווען די אייגענשאפט פון אן אלטערטימליכען שבט פון אונזערע 12 שבטים.

וואָס איז דער עפּיזאָד, ווען און מיט וועמען האָט עס פּאַסירט?

לומדי'שע שיחת חולין

33 מען דערציילט אויף דעם הייליגען און קלאסישען אידישען מליץ־יושר פאר דעם רבונו של עולם, דעם גאון און צדיק ר' לוי יצחק בארדיטשעווער, אז ער האָט זיך אויסגעטענה'ט מיט דעם אויבערשטען און געמאָנט די גאולה שלמה און דעם ביאת גואל צדק, אויפ'ן סמך פון מאמר: „כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם”. דערביי האָט ער אין דעם ויכוח ציטירט א פסוק.

ווי לויטעט דער פסוק, און פארוואָס האָט עס געקאָנט דינען פאר א גרונד צו בארעכטיגען ר' לוי יצחק'ס פארלאנג?

34 ווי באוואוסט, זיינען אלע הוי־קערס קרום. וועלכער איינציגער הויקער איז דאָך א גלייכער?

35 אין די בלויזע נעמען פון 3 סדרות נאָכאנאנד געפינען מיר א פראזע, וואָס דריקט אויס דעם געדאנק, אז אָנערקענונג קומט געוויינליך צו שפעט. וואָס איז דאָס גלייכווערטעל?

36 מ׳יר הערען אין דעם אידי־שען פאָלקלאָר זעהר אָפט דאָס וואָרט: „א טאָג — א יאָר״. וואו געפינען מיר פונקט דעם זעלבען אויסדרוק אין איינער פון די סדרות?

היכי תמצי

37 „חייב אדם למשמש בבגדו בערב שבת עם חשיכה״ — דורכצונישטערען די בגדים ערב שבת איז א פונדאמענטאלער געבאָט ביי אידען, כדי צו פאַר־מיידען חילול שבת. ווי קאָן גע־מאָלט זיין, אז מען זאָל דאַר־פען זוכען אין די בגדים און בודק זיין די קעשענעס דוקא אום שבת, און דערצו נאָך על־פי דין? ווען איז אזא פאל מעגליך?

38 אונטער געוויינלעכע אומשטענ־דען איז א מצוה פאַרצוברייטען וואָס מער שפייז אויף שבת. ווי קאָן געמאָלט זיין, אז גראָד אויף שבת זאָל מען א געוויסען מין שפייז צוגרייטען וואָס ווייניגער?

39 ווען און ווי אזוי איז שבת גראָד א מצוה צו מקצר זיין דעם זמן התפילה, כאָטש געוויינלעך זיי־נען מיר מאריך בתפלה?

40 ווי מיר וויסען, איז „כל מה שיאמר לך בעל הבית עשה״ א פונדאמענטאלער כלל ביי אידען. ווי איז מעגליך, אז מען זאָל זיך קאָנען אנטזאָגען צו נהנה זיין פון א סעודה, וואָס דער בעל הבית האָט איינגעלאַדען דעם אורח, כאָטש דער עסען איז דורכאויס כשר, און דערביי זאָל אויך דער אָפזאָג מצד דעם אורח זיך צו באטייליגען אין דער סעודה זיין דורכאויס על פי דין? ביי וועלכער סאָרט סעודה האנ־דעלט זיך עס?

41 אין וועלכען פאל און ביי וועל־כען יום טוב איז דער ערב יום טוב געבאָטען געוואָרען אויף א לענגערע צאָהל טעג, ווי דער יום טוב גופא?

יום טוב׳דיגע איינפאלען

42 וועלכער שטאָף קאָן געגעבען ווערען צו א צווייטען, און אליין ווערט עס ניט געמינערט?

43 וואָס איז עס אזוינס, וואָס מיט זיין אייגענעם מינימום פארטרייבט ער דעם מאקסימום פון א געגענגעזעצטען כוח, און וואָס פאר א העברעאישער ווערטל גילט דערויף?

44 ווען און פארוואָס איז א מצוה אוועקצושטעלען א געוויסען הייליגען סימבאָל און תשמיש קדושה גראָד אויף אן אנדער פלאץ, ווי מען זעט אים געוויינליך?

45 ווי אזוי קאָן געמאָלט זיין, אז אויב מען זאָל, חלילה, פאָלגען דעם יצר־הרע אום פסח, זאָל מען עובר זיין אויף „בל יראה ובל ימצא“, וואָס האָט א שייכות מיט חמץ? (צוטראכטען א געוויסען אויסדרוק, וועלכער איז פאָפולער אין דער לומד׳ישער וועלט און פארענטפערען די פראגע).

46 פאראן א געוויסע פונקציע וואָס מען מוז פריער אויספילען און ערשט באלד נאָכדעם זאָגען א באשטימטען נוסח. ווי אזוי איז מעגליך, אז די זעלבע פונקציע זאל געטאָן ווערען איין פרימאָרגען און דער באשטימטער נוסח זאָל געזאָגט ווערען ערשט א טאָג שפעטער, דעם נעקסטען פרימאָרגען?

47 ווי אזוי קאָן געמאָלט זיין, אז מען זאָל ערב־פסח פרי עסען מצות אלס חמץ, און וועגען וועלכע מצות האנדלט זיך עס?

48 צווישען די אידישע חגים ומועדים האָבען מיר א „וואָכ“עדיגען יום טוב, וועלכער איז עס, און ווי אזוי קאָן עס געמאָלט זיין?

49 ווען דארף די ברכת הריח איבער גרינס געמאכט ווערען פריער ווי די ברכות התפילה, און פארוואָס אזא פאָרצוג?

50 על פי דין היטען מיר זיך אויס פון בשר וחלב ביים זעלבען טיש, אין דער זעלבער סעודה. ווען גייט אראָפ אָט די הארבקייט; און גראָד לכבוד יום טוב, און טאקע אויך כדת וכדין?

51 עס איז באוואוסט דער כלל, אז „אינו דומה שמיעה לראי“. ווען איז אין דער אידישער געשיכטע פארלאָפען דער פאל, אזביידע חושים זיינען פארגליכען געוואָ־

רען און מ׳האַט די זעלבע דערשיי־
נונג באנומען מיט ביידע חושים
אין דער זעלבער ציט. וואו ווערט
עס געבראכט אין דער תורה, און
ווי אזוי איז דער מקור און לשון.

52 וועלכעס פאַלק, אויף וועמען עס
איז חל דער פאַרבאָט פון „לא יבוא
בקהל ד׳״, איז גראַד דער שטאַמ־
פאַטער פון דער הייליגסטער אי־
דישער קעניגליכער דינאסטיע און
ווי אזוי?

53 וואו איז די מחלוקת הפוסקים, אז
מען זאָל א פרוי קענען מצרף זיין
צו א מנין ביי א מצוה, וואָס אויך
זי איז דערין מחויב, כאָטש דאָס
איז א מצות עשה שהזמן גרמא,
וואָס געוויינליך איז זי דערפון
פטור?

54 געוויינליך פאַרברענט מען דאָס
שטיקעל „חלה״ ביי דער מצות
הפרשת חלה אין באַק־אויווען פון
הויז. ווען איז עס פאַרבאָטען און
פאַרוואָס?

55 ווי באוואוסט, איז א געוויסע
שטאָט, וואָס איז פאַרהייליגט ביי
אלע גלויבענס, געוואָרען דער צענ־
טער פון וועלט־אינטערעס, און
שטייט, אזוי צו זאָגען, אין „סאמע
מיטען פון דער וועלט״.

אין א פירוש צו די סדרות, איז
פאראן א בעשיינפעריכער רמז דע־
רויף, איינגעשלייערט אין א פסוק,
בדענגען דעם מקור, לשון, און
במילא שוין אויך דעם נאָמען פון
אָט דער הייליגסטער שטאָט אויף
דער וועלט.

שארפזין

אילוסטרירטע



רעטענישען

- חלק ו' -

אילוסטרירטע **שאַרפזין** רעטענישען

חלק ו׳

— 1 —

חידה בתמונות



1) הציור הראשון: חלק המעת לעת;
2) הציור השני חלק בגוף של בעל חי;
3) הציור השלישי: הכינוי הכללי עבור פרט ופרט בלוח האלף־בית.

השמות העברים, המציינים את כל התמונות הללו, מתחברים ומו־לידים שם חדש של יום טוב גדול לאומי, שאנו חוגגים במדינת ישראל ובחוץ לארץ לסמל תחיית הארץ והאומה.

— 2 —



2 געגענזעצטע נאטור־כחות האָבען ארויסגעגעבען דעם געפערליכסטען מאָדערנעם מלאך המות אין אונזער דור. וועלכע כחות זיינען עס, און וואָס איז דער מחבל? ווען איז שוין אזוינס געשעהן אין דער אלטער־טימליכער אידישער געשיכטע? ברענגען דעם מקור און לשון!

— 3 —

רעטעניש אין צייכענונגען



די 3 סימבאָלען באַצייכענען איינעם פון די גרעסטע שטאַטסלייט פון דער וועלט אין אונזער דור. טרעפט, ווער איז ער?

— 4 —

רעטעניש אין צייכענונגען



די דריי אַמעריקאַנער סימבאָלען האָבען אַ שייכות מיט אַ פסוק פון אונזער תורה. וואָס מיינען די סימבאָלען, און וואָס איז דער פסוק?

— 5 —



רעטעניש
אין פּאָרטרעטען

אויף דעם בילד באַמערקט איר צוויי געזיכטער אין איין פּנים, וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר טייילען פון פּאָרטרעטען פון 2 וועלט־באַרימטע אידישע פאָלקס־פיהרער. „הכרת פניהם ענתה בהם” (זייערע צורות זאָגען עדות אויף זיי). איצט, אדרבה, דערקענט ווער זיי זיינען?

אילוסטרירטע **שאַרפזין** רעטענישען

— 6 —

רעטעניש אין תורה סימבאָלען



די ערשטע דריי צייכענונגען באדייטען איינצעלנע געגענשטאנען מיט א דאָפעלטער געגענגעזעצטער ווירקונג, צום גוטען און צום שלעכטען. די פערטע צייכענונג דערמאָנט אין א טשיקאווען וואונדער, וואָס איז געגען דעם געזעץ פון נאטור און איז נאָר געשעהן בדרך נס.

טרעפען, וואָס די אלע צייכענונגען מיינען, און וואו זיי ווערען דער־מאָנט אין דער תורה; ברענגען דעם געגויעם לשון און פלאץ פון די גע־העריגע פסוקים.

— 7 —

רעטעניש אין תורה סימבאָלען



די ערשטע צייכענונג ווייזט אָן אויף „רעכטס" און „לינקס". דוכט זיך א גאַנץ געוויינלאכע זאך. עס ווערט אבער געבראכט אין די נביאים, אז מעהר ווי 120 טויזענט נפשות האָבען ניט געוואוסט דעם אונטערשייד פון זייער רעכטער און לינקער האנט. וואו און ווען, און ווי אזוי, לויטעט דער פסוק?

די צווייטע צייכענונג: א זאך, וואָס האָט געקענט צו דער זעלבער צייט ברענגען א ברכה, אדער א קללה. עס איז צוליב דעם אויך געוועזן ערלויבט צו פארשווענכען דעם נאָמען פון ג-ט ב"ה. ווי הייסט עס, און אין וועלכע פסוקים אין דער תורה, אויך אין וועלכען מאמר חז"ל ווערט עס געבראכט?

— 8 —

רעטענישען אין בילדער



דאָס ערשטע בילד סימבאָליזירט א היסטאָרישע געשעהעניש פון אונזער דור, ווען דאָס עלטסטע לאנד האָט אויפגענומען דעם אינגסטען קעניג, אן עופה'לע אין וויג. ווער איז געווען דער מלך, און אין וועלכען לאנד?

דאָס צווייטע בילד שטעלט מיט זיך פאָר איין ארמיי פון שקצים ורמשים, וואָס איין גרויס-מאכט האָט באשולדיגט די אנדערע, אז זי נוצט עס אויף דעם מלחמה פראָנט, אין א וויטען ווינקעל פון דער וועלט. אויך ביי אונז, אידען, ווערט אין תנ"ך דערמאָנט אזא מין אַנגריף, וואָס השם יתברך האָט צוגעזאָגט אַנצושיקען אויף אידישע שונאים, אלס מלחמה-אוואנגארד.

ווער זיינען עס די שקצים ורמשים? ווען און וואו האָבען מיר פון זיי געהערט ביי די אידען אמאָל, און ביי די אומות העולם אין אונזער צייט?

— 9 —

רעטעניש אין צייכענונגען



דאָס ערשטע בילד באַצייכענט אַ פּאָליטישען סימבאָל, וואָס האָט אַ דעצידירענדע באַדייטונג פאַר דעם גורל פון אַ לאַנד און זיינע בירגער. וואָס באַדייט עס?

דאָס צווייטע בילד באַצייכענט אַ וויסענשאַפטליכען פענאָמען, מיט וועלכען עס האָט לעצטענס געשטורעמט די גאַנצע וועלט. מען קען עס אָנרופען מיט אַ אידישען גלייכווערטיל, וואָס באַציהט זיך אויף אַן אומדערגרייכבארע זאַך. וואָס איז די ערשיינונג, און וואָס איז דאָס שפּריכוואָרט?

שארפזין

מאטעמאטישע אויפגאבען



און איינפאלען

— חלק ז' —

חלק ז׳

קונץ־שטיק מיט ציפערן

פון בען מאַסקאַ
אַוקלענד, קאַליפ.

1

ווי אַזוי קאָן מען אויסשטעלען צוויי שורות מיט ציפערן פון 1 ביז 9 איינע אונטער די אַנדערע, אַז פון דעם חיבור פון די שורות זאָל אַרויס־קומען אַ פאַנטאַסטישער סך־הכל פון 9 ציפערן, דערביי זאָל דער צאָל 9 זיך גאַנצע 9 מאָל איבער׳חזר׳ן אין דעם סך־הכל?

צוויי חברים האָבען זיך פאַרוואַטען, אַז זיי וועלען פון קליינע ציפערן, פון 1 ביז 9, צוזאַמענשטעלען, אין חבור, דעם גרעסטען סך־הכל אויש אַ... ביליאָן.

איינער פון זיי האָט אויפגעשטעלט פון די ציפערן צוויי באַזונדערע שורות. ער האָט דאַן די שורות געשטעלט איינע אונטער די אַנדערע, ציפער אונטער ציפער, און געמאַכט די פונקציע פון חבור, צו־געבענדיג די אונטערשטע ציפערען צו די אויבערשטע.

דער וואונדער איז געוועזן נאָך גרעסער, וואָס אַט־דער פאַנטאַסטישער סך־הכל האָט זיך באַקומען אין דעם קלענסטען ציפער אין חכמת־החשבון, וועלכער האָט זיך גאַנצע ניין מאָל איבערגע׳חזר׳ט איינער נעבן אַנדערן אין דער זעלבער שורה. דער שלוש פון דער שורה איז געווען אַ נול (אפילו דער קלענסטער ציפער אויך נישט).

פרעגט זיך, ווי אַזוי איז עס געווען מעגליך?

מאַטעמאַטישע אויפגאַבע

פון רעוו. ברוך מייטעס

2

אַ פיינער איד, אַ נדבן, האָט ביי־געשטייערט פאַר „מעות חטים" אַזויפיל, וויפיל עס באַטרעפט זיין נאָמען און זיין פרוי׳ס נאָמען צוזאַמען. די סומע באַשטייט פון 4 ציפערן: יחידות, עשרות, מאות און אלפים, וואָס באַטרעפען אינאיינעם — 14.

(באַמערקונג: יחידות — מיינט איינציגע; עשרות — צענדליגער; מאות—הונדערטער, און אלפים — טויזענטער).

ווען מען שטעלט איבער דעם ציפער פון די אלפים אויפ׳ן אָרט פון דעם ציפער פון די מאות, און די מאות אויף דעם אָרט פון דעם ציפער פון די אלפים, דאַן וועט אַרויסקומען אַ נייע סומע, וואָס וועט זיין גרעסער פון דער ערשטער אָריגינעלער סומע מיט 900.

ווען מ׳שטעלט איבער די עשרות אויף דעם אָרט פון די אלפים, און די אלפים אויפ׳ן אָרט פון די עשרות, דאַן וועט אַרויסקומען אַ נייע סומע, וואָס וועט זיין גרעסער פון דער אָריגינעלער סומע מיט 4,950.

ווען מ׳שטעלט איבער די יחידות אויפ׳ן אָרט פון די אלפים, און די אלפים אויפ׳ן אָרט פון די יחידות, דאַן וועט אַרויסקומען אַ נייע סומע, וואָס וועט זיין גרעסער פון דער אָריגינעלער סומע מיט 3,996.

פרעגט זיך:

1) וויפיל איז דער סכום וואָס דער נדבן האָט ביי־געשטייערט פאַר

„מעות חטים״ ? ,

2) וואָס זיינען די העברעאישע נעמען פון דעם נדבן און פון זיין פרוי, און ווי אַזוי קאָן מען עס באַ־ ווייזען אין דער „שפראַך פון ציפערן?

מאַטעמאַטישע אויפגאַבע

3 פון דוד שטריקמאַן
בראָנקס, נ. י.

עס איז געווען אַ פאַמיליע: אַ באָבע, אַ פאָטער, אַ מוטער, אַ טאָכטער און אַ זון.

דער פאָטער איז 2 מאָל אַזוי אַלט ווי די מוטער; דער ברודער איז 5 מאָל אַזוי אַלט ווי די שוועסטער; די מוטער איז 5 מאָל אַזוי אַלט ווי דער זון.

אַלע צוזאַמען זיינען זיי אַלט ווי די באָבע.

די באָבע גופא איז 81 יאָר אַלט.

פרעגט זיך: — ווי אַלט איז יע־ דער איינער באַזונדער?

איינפאַל

4 פון מנחם נחום ביר
פון נאָרדענס, לאָנג אײלאַנד

א משפחה איז באַשטאַנען פון א מאַן ווייב, ברודער און שוועסטער, וועלכע האָבען באַקומען פון זייערע פריינט 3 מתנות, און יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט צו איינציגע פרעזענטע.

ווי אַזוי ?

5 המצאה במקצוע החשבון
מאת שמעון עפשטיין

מאה אנשים עמדו במקום קבוע. נעדר רק אחד מהם. וראה זה פלא על פלא, מכל אלו האנשים לא נשאר אפילו מחצה, ובכן מה הוא החשבון, והיכי תמצי?

6 משחק במספרים
מאת מנחם נחום ביר, פלאַשינג, נ. י.

שב המספר שלי בעל חמש אותיות, אות אחת מתוכי כוללת את המספר הלזה. וראה זה פלא: אם תפיל דוקא את האות הכוללת את המספר, אזי לא יגרע, אלא, אדרבה, עוד יוכפל או המספר פי שנים. מה הוא המספר?

מאַטעמאַטישע אויפגאַבע

7 יעקב קופערבערג
(חילון, ישראל)

4 ברידער זיינען זיי געווען: ראובן, שמעון, לוי און יהודה. יעדער פון זיי איז אן אנדער עלטער.

ווען מען האָט יעדען איינעם גע־ פרעגט, ווי אַלט ער איז, האָט ראובן געענטפערט, אַז ער איז מיט 3 יאָר עלטער פון שמעון'ען. שמעון האָט געזאָגט, אַז ער איז מיט 5 יאָר על־ טער פון לוי'ן. לוי איז צוויי מאָל אַזוי פיל אַלט ווי יהודה. יהודה צוזאַמען מיט לוי זיינען מיט 3 יאָר עלטער פון ראובן.

ווי אַלט איז יעדער איינער פון די פיר ברידער?

8 מאַטעמאַטישע אויפגאַבע

פון מרס. כץ, נרילי, קאַלאָראַדאָ

2 פערזאָן האָבען זיך באַגעגענט: יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ געווי־ סע צאָל פלעשער מיט וויין.

זאָגט איינער צום אַנדערן: ווען דו וואָלסט מיר געבען איינע פון דיינע

פלעשער וויין וואָלטען מיר ביידע גע־האַט די זעלבע צאָל.

ענטפערט דער צווייטער: ווען דו װאָלסט מיר געבען איינע פון דיינע פלעשער וויין, וואָלט איך געהאַט 2 מאָל אַזוי פיל, ווי דו.

פרעגט זיך: וויפיל פלעשער וויין האָט יעדער פון זיי געהאַט?

מאַטעמאַטישע אויפגאַבע

פון רעוו. ברוך מייטעס

9 דעטראָיט מיש.

עס איז געווען אַ פאַמיליע פון פינף: אַ פאָטער, אַ מו־טער, אַ זון און 2 טעכטער.

די יאָרען פון אַלע פינף צוזאַמען באַטרעפן 165. דער פאָטער איז דריי מאָל אַזוי אַלט ווי די עלטערע טאָכטער.

די מוטער איז 5 מאָל אַזוי פיל אַלט ווי די קלענערע טאָכטער.

ווען דער פאָטער וועט על־טער ווערן מיט 10 יאָר, דאַ־מאָלט וועט ער זיין 2 מאָל אַזוי פיל אַלט ווי זיין זון.

ווען די מוטער וועט על־טער ווערן מיט 10 יאָר, וועט זי זיין 2 מאָל אַזוי אַלט ווי די גרעסערע טאָכטער.

פרעגט זיך: ווי אַלט איז יעדער איינער פון זיי?

10

א י י נ פ א ל

דער נאָכען פון דער צאָל איז 15. ווען מען נעמט אראָפ 3, בלייבט בלויז

10. ווי קען עס געמאָלט זיין?

שפיל פון ציפערן

צוגעשיקט פון

11 **יצחק גאָלאַמבעק**

טאָראָנטאָ, קאַנאַדע

צוויי חברים האָבען זיך געוועט, אַז מען קאָן פון גלייכע ציפערן, וואָס זיינען אין זייער איינצעלנעם ווערט אפילו קלענער פון 10, שאַפען א סומע פון גאַנצע טויזענט.

איין חבר האָט דעם אנדערען גע־וויזען דעם חשבון. ער האָט ריכטיג צוזאַמענגעשטעלט דעם סך הכל פון טויזענט, נוצענדיג בלויז דעם זעלבען ציפער 8 מאָל. און ער האָט געוואונען דעם געוועט.

ווי אַזוי האָט ער עס געטאָן, און וועלכען ציפער האָט ער גענוצט, ווי אויך אין וועלכען סדר?

מאַטעמאַטישע אויפגאַבע

12 פון **שלום ראָזענבערג**

טאָראָנטאָ, קאַנאַדע

א בוטשער האָט געשיקט זיין גע־הילף צו קויפען 100 בהמות, צווישען וועלכע עס זאָלען זיך געפינען אָקסען, קי און קעלבער. ער האָט אים געגע־בען 100 דאָלאַר און אים אנגעזאָגט, אַז ער זאָל מער ניט צאָלען, ווי די פרייזען פון 10 דאָלאַר, 5 דאָלאַר און 50 סענט א שטיק. פרעגט זיך, וויפיל שטיק האָט ער געקויפט פון יעדען סאָרט?

שארפזין

ענטפערס

חלק ח׳

ענטפערס **שאַרפזין** ענטפערס

חלק ח׳

חלק א׳

1 מעיאָר אימפּעליטערי פון ניו יאָרק האָט לעצטענס איבערגע־שניטען דעם לענגסטען ריבאָן איבער 1300 פוס לאנג, וואָס איז ארונטערגעהאנגען פון שפּיץ פון עמפּייר סטעיט בילדינג ביז דעם טראָטואר פון דער 34טער גאס. דער „סערעמאָני ריבאָן" איז געווען אין שייכות מיט דער ערעפענונג פון דער 300־„ריטעיל וויק" אין ניו יאָרק.

2 פיליפּ, דער מאן פון קעניגין עלי־זאבעט, האָט אויף זיך בפני כל עם ועדה מקבל געווען אלס אונ־טערטאן די־ ממשלה פון זיין פרוי, „והיא תמשול בו" (אַנ־שטאָט ווי דער כלל פון מעשה בראשית „והוא ימשל בה").

3 דער „בראנדענבורגער טאָר" אין בערלין, וואָס טיילט איצט פאנאנדער די מזרח־וועלט הינ־טער דעם „אייזערנעם פאָר־האנג" און די „מערב" וועלט פון די דעמאָקראטישע רעפּוב־ליקען.

4 די שיף „ירושלים".

5 ר׳ יהודה דוד אייזענשטיין, דער עלטסטער אידישער שריפט־שטעלער, וועלכער האָט באַ־גליקט די וועלט מיט זיינע אוצרות פון דינים און מנהגים, מדרשים, תנ"ך, א. א. וו., האָט לעצטענס געפייערט זיין 100־סטען געבורטסטאָג.

6 קריסטאָפער קאָלאָמבוס האָט ענטדעקט אמעריקע מיט דער הילף פון א העברעאישער וועלט־מאפּע, וואָס דער בארימ־טער אידישער פּראָפעסאָר זאקו־טא פון סאלאמאנקער אוניווער־זיטעט האָט אים געגעבען אויפ׳ן וועג, אלס „גייסטיגען קאָמפּאס".

7 דער אינדיק, וועלכער בלאָזט זיך געוויינליך מיט פוסטער גאוה, אבער איז גראָד א מיוחס צוליב „טהענקסגיווינג", דער איינצי־גער פאל ווען ער איז חשוב און אפילו א נאציאָנאלער סימבאָל.

שאַרפזין

בראשית — חלק ב׳ — בראשית

1 דער ראָב (עורב), אלס נח׳ס שליח אויסצוגעפינען, אויב דער מבול האָט שוין אויפגעהערט. (בראשית, נח, ח, ז)

2 נח׳ס טויב מיט דעם „עלה זית״ אין איהר שנאָבעל. טויבען זיינען, אגב, געווען די ערשטע לופט־קוריערען, איידער דער אעראָפלאַן איז ערפונדען געוואָרען און מען האָט איינגעפירט מאָדערנע לופט־פאָסט. (שם, ח).

3 ווען די טויב איז ניט צוריקגעקומען אין דער תיבה, איז עס געווען דער בעסטער ענטפער, אז דער מבול האָט אויפגעהערט. (שם י, ב).

4 אין נח׳ס תיבה. (שם ז, א, וכו)

5 די תיבה אויפ׳ן הר אררט (שם ח, ד).

6 אין נח׳ס קאסטען האָט א וואָלף געלעבט מיט א שעפס אונטער איין דאך (ישעי׳ הנביא׳ס נבואה פון אחרית הימים).

7 אין דער צייט פון מבול האָט גערעגענט און קיין בליצען ווערען נישט דערמאָנט. ביי מתן תורה האָט געבליצט, געדונערט קולות וברקים, און קיין רעגען איז ניט געגאנגען. (שם ז, י, וכו׳; שמות יט, טז).

8 נח איז געווען דער ערשטער אויף דער וועלט־ זיך אָנצושיכור׳ן. (בראשית, ט, כא)

9 כיבוד אב ביי שם ויפת, וועלכע האָבען צוגעדעקט נח׳ן, גייענדיג ריקווערטס; ביזוי אב, ביי חם וועלכער האָט געשענדעט זיין פאָטער, נח (עיין רש״י) (שם ט, כב, כג)

10 די „שפה אחת ודברים אחדים״ ביי דור הפלגה, און שפעטער די צומישונג פון זייער שפראך ביים בויען פון טורעם ווען איינער האָט פון זיין חבר פארלאנגט איין זאך און באקומען עפעס אנדערש. (יא, א).

11 דער „מגדל בבל״. (שם ו)

12 טורעם פון דור הפלגה (שם, ד)

13 דער „נחש״ האָט פארלאָרען די פיס צוליב דעם רבונו של עולם׳ס געבאט. (בראשית, (ג, יד).

14 אדם און חוה האָבען זייערע קינדער איבערגעלאָזען דעם אָפשטאם פון עלטערען, כאָטש זיי אליין האָבען עס ניט פארמאָגט (ד, א).

15 אדם און חוה, קין און הבל, דאן די גאנצע וועלט׳ האָבען געקענט איינע די אנדערע. (שם)

16 אדם און חוה זיינען ארויסגעטריבען געוואָרען פון גן־עדן באקומענדיג דעם ערשטען „דיספאָזעס״ אין דער וועלט. (ג, כג־כד).

17 יעקב און דער שר של עשו (לב, כה, רש״י).

18 יוסף בעפאָר זיין מוטער רחל (לג, ז, רש״י).

19 אין דער מעשה פון שכם בן חמור (לה, כה).

20 אליעזר האָט אויסגעוויילט רבקה פאר זיין הארנטע (כד, נט).

21 יעקב האָט געקאָכט לינדזען: „ויזד יעקב נזיד״ (כה, כט).

22 יצחק וועלכער האָט געזייט אין שלעכט לאנד, אין א שלעכטען יאָהר, און געפונען „מאה שערים״, אזוי גרויס איז געווען די גערעטעניש „ויזרע יצחק״ (כו, יב).

23 יעקב האָט געטראָגען עשו׳ס האָר (כז, טו).

24 הקול קול יעקב והידים ידי עשו (שם כב).

25 ווען יעקב איז אריין צו יצחק׳ן נאָך די ברכות, איז אריין מיט אים דער ריח פון גן עדן „ריח בני כריח השדה״ (שם כז, רש״י).

26 יעקב, אני בנך בכורך עשו (שם לב)

27 יצחק׳ס ברכה צו עשו׳ן על חרבך תחי׳ (שם מ)

28 ברכה, בכרה, דאָס זעלבע וואָרט, די זעלבע אותיות און 2 באַזונדערע באדייטונגען (לויט דער אָרטאָגראפיע אין חומש)

29 אברהם האָט געקויפט די מערת־המכפלה פון עפרון (חיי שרה, כג, טז, יט)

30 **די מצרים האָבען באקומען זריעה פון יוסף הצדיק, ניט פון זייער באָדען (מז, כג).**

31 **די מלאכים ביי אברהם אבינו „תחת העץ״ (יח, ה).**

32 שרה אמנו מיט איר דינסט הגר (טז, ד).

33 יוסף׳ס ברידער האָבען געפונען זייער געלט אין זייערע זעק. דאָס איז געווען א שווינדעל, **אבער זיי האָבען עס ניט געטאָן** (מג, לה).

34 קין (ד, טו).

35 יעקב אין קאמף מיט דעם מלאך דעם שר של עשו (לב, כט).

36 יוסף׳ס ברידער זיינען אוועק אין מצרים זאלבעצענט און געקו־**מען אהיים אָהן שמעון** (מב, ג׳, כד)

37 **יוסף אין בית הסוהר (לט, כב).**

38 דאָס פרוכט פון עץ הדעת פאר **אדם וחוה** (ג, טז־כד).

39 אברהם אבינו האָט געפירט זיין בן יחיד, יצחק, דעם זוהן פון זיין פרוי שרה, צו דער עקידה פאר דעם איינציגען גאָט („קח את בנך, את יחידך״ (כב, ב).

40 **אדם הראשון האָט גערוט באלד** ווי ער איז געבאָרען געוואָרען, ווייל ער איז געקומען אויף דער וועלט **ערב שבת (א, כו)**

41 אברהם אבינו, דער ערשטער איד, דער גרעסטער מענש, האָט ניט געקענט ציילען די שטערן (טו, ה)

42 „מחוט ועד שרוך נעל", אין דעם שמועס צווישן אברהם און מלך סדום וועגען דעם רויב פון מלחמה (יד, כג).

43 דער מגדל בבל „ויחדלו לבנות העיר" (יא, ח).

44 נח האָט געזען דעם רעגענבויגען וועלכער איז געווען א בשורה טובה, אז עס וועט שוין מער קיין מבול ניט זיין (די גרעסטע צאָל פארבען אויף איין מאָל) „זאת אות הברית, את קשתי נתתי בענן (ט, יב, יג).

45 נח, „מכל הבהמה הטהורה תקח לך שבעה" (ז, ב) „העתידה להיות טהורה לישראל, מכאן שלמד נח תורה (עיין שם, רש"י).

46 קין, נע ונד תהי' בארץ, ויהי בונה עיר (ד, יב, יז)

47 אברהם אבינו האָט געהייסען שרה'ן, זיין פרוי, זי זאָל זאָגען די מצרים, אז זי איז זיין שוועסטער אויס מורא פאר מאָרד (כ, י, יב)

48 אברהם און לוט „אם השמאל ואימינה ואם הימין ואשמאילה (יג, ט)

49 עוג, דער ערשטער מלחמה־פליכט־לינג ביי דער מלחמת המלכים „ויבא הפליט" (יד, יג).

50 אין פאַל פון שר המשקים אין שר האופים, ווען פרעה האָט באזייטיגט פון זיין סוויטע (מ, א־ג).

51 אין פרעה'ס חלום זיינען די פעטע בהמות געווען א סימן אויף זאטע יאָהרען פאר די איינוואוינער פון דער וועלט, די מאָגערע בהמות א סימן אויף הונגעריגע יאָהרען (מא, כו־כז).

52 ווען יוסף איז באשטימט געוואָרען אלס אויפזעהער איבער אפראָוואזא־ציע און ער האָט איינגעפיהרט דעם סיסטעם פון אָפשפּאָרען תבואה אויף די שלעכטע יאָהרען (שם, מח־מט).

53 פרעה האָט קאָמפּלימענטירט יוסף'ן, אז ער פארמאָגט א געטלי־כען גייסט (שם, לח).

54 אין יוסף „אברך", אב בחכמה ורך בשנים (שם, מג, עיין רש"י).

55 יוסף צו זיינע ברידער „וירא יוסף את אחיו ויתנכר אליהם" (מב, ז).

56 יוסף אויף זיינע ברידער „מרגלים אתם" (שם, ט).

57 שמעון, „ויקח מאתם את שמעון ויאסר אותו לעיניהם" (שם, כד).

58 יוסף'ס ברידער האָבען געפונען זייער געלט אין זייערע זעק; דאָס איז געווען א שווינדעל, אבער זיי האָבען עס ניט געטאָן (שם, כח).

59 יוסף'ס ברידער זיינען איינגעלאַ־דען געוואָרען פון יוסף'ן, דעם שני למלך אין מצרים, צו א מאָלצייט אין זיין פאלאץ (מג,

60 צווישען יעקב און עשו אין רבקה'ס בויך. „ויתרוצצו הבנים בקרבה" (כה, כב).

61 עשו הרשע האָט פארקויפט די בכורה פאר א טאָפּ לינדזען (כה, לד).

62 כל השקפה שבמקרא לרעה, חוץ מ„השקיפה ממעון קדשך" (דברים כו), וירא יח, טז, עיין שם רש"י על „וישקיפו".

63 ואברהם היו יהי' לגוי גדול (יח, יח). רש"י זכר צדיק לברכה, הואיל והזכירו ברכו.

64 עפרון האָט גאַרניט געבעטען און געמומען 400 זילבערנע רענדלעך עובר לסוחר (כג, ו, טז).

65 דער טרונק וואסער פון רבקה צו אליעזר, וועלכער האָט געפירט צום שידוך מיט יצחק'ן און צום גע־בורט פון יעקב אבינו און די שבטי י', דעם גאנצען בית ישראל (כד, יג־יד).

66 רבקה האָט באקומען מתנות, אבער ניט דירעקט פון איר באשערטען יצחק אבינו, נאר פון אליעזר (שם כב).

67 אליעזר האָט זיך גע'יחס'נט דער־מיט וואס ער איז אברהם אבינו'ס קנעכט. „עבד אברהם אנכי" (שם, לד).

68 רבקה האָט געגעבען וואסער ניט נאָר צו אליעזר, נאר אויך צו די קעמלען (שם יט־כ).

69 דער איזוועט, וואָס אברהם אבינו האָט געזען אין דעם מחזה פון „ברית בין הבתרים". „והנה תנור עשן ולפיד אש" (טו, יז).

70 דער רבונו של עולם האָט איבער־געגעבען אברהם'ן, אז שרה האָט געזאָגט „ואני זקנתי", אין דער אמת'ן האָט זי געזאָגט „ואדני זקן" (יח, יב־יג. עיין שם רש"י).

71 די אנשי סדום האָבען ניט גע־קענט געפינען די טיר צו לוט'ס הויז, כאָטש זיי זיינען דערביי געש־טאנען, ווייל השם יתברך האָט זיי פארבלענדעט די אויגען „וילאו למצא הפתח" ((יט, יא).

72 די מלאכים האָבען געראטעוועט לוט און זיין הויזגעזינד, כאָטש זיי זיינען געווען זיינע געסט און ער האָט זיי גאָר געוואָלט באשיצען (שם, טז).

73 לוט'ס פרוי, וועלכע האָט זיך אומ־געקוקט אויף צוריקוועגס, איז פארוואנדעלט געוואָרען פון א לע־בעדיג באשעפעניש אין א שטיק זאלץ „ותהי נציב מלח" (שם כו).

74 עמון און מואב זיינען געבאָרען גע־וואָרען פון לוט און זיינע טעכ־טער, אלזאָ ניט פון מאן און פרוי, לויט אונזער פאמיליען־ באגריף (שם, לו־לח).

75 דער מלאך האָט געוויזן צו הגר ביים ברונעם אין דער מדבר (כא, יט).

76 דער „איל“ וועלכער האָט פאַרנו־
מען יצחק'ס פּלאַץ אויף דער
עקידה (כב, יג).

77 השם יתברך האָט פאַרלאַנגט פון
אברהם'ן זיין זוהן יצחק, אלס
קרבן, אבער האָט אים דערנאָך
ניט באַוויליגט, ווייל דאָס איז
בלויז געווען א נסיון. „אל תשלח
ידך אל הנער“ (כב, יב).

78 דער מזבח, וואָס נח האָט געבויט
נאָכ'ן מבול איז געווען דער סאַמע
ערשטער בנין נאָכ'ן חורבן פון
דער וועלט (ח, כ).

79 בנימין (לה, יח).

80 יעקב האָט געהאַט צוויי פּרויען,
רחל און לאה און איין שווער, לבן
הארמי (כט, יח־כח).

81 יעקב איז אוועק א גלייכער און
איז געקומען א „צולע על ירכו“
(לב, לב).

82 אליעזר („ואבא היום אל העין“
כד, מב).

83 די בני חת (שם, ג, „בני חת“,
דעת זקנים מבעלי התוספות).

84 אליעזר (שם, מב, רש"י, „יפה
שיחתן של עבדי אבות לפני המקום
מתורתן של בנים“.

85 ביי שרה אמנו „לכל באי שער
עירו“ (כג, י, רש"י).

86 שרה אמנו (יז, יז).

87 יעקב אבינו „והנה סלם מצב ארצה
וראשו מגיע השמימה“ (כח, יב).

88 יעקב אבינו „ויקח מאבני המקום
וישם מראשותיו“, א שטיין אלס
קישען צוקאָפּענס (שם, יא).

89 יעקב אבינו האָט געאַרבייט 14
יאָר פאַר רחל און לאה (כט,
כז־ל).

90 לבן הארמי (חיי שרה, כד, ל;
ויצא, כט, כו).

91 די געפּלעקטע שאָף וואָס יעקב
האָט באַקומען אין גרויס געוועל־
טעניש (ל, לט).

92 יוסף, דער קנעכט, איז געווען דער
שטעל־פאַרטרעטער פון פּוטיפר
אין מצרים „ויפקידהו על ביתו“
וכו' (לט, ד).

93 יוסף, דער אַרעסטאַנט, איז גע־
וואָרען דער שני למלך ביי פרעה
(מא, לט־מז).

94 די „דודאים“ ביי לאה און יעקב,
„שכרתיך בדודאי בני“ (ל, טו־טז).

95 יוסף דער טרוימער, „ויקנאו בו
אחיו“ וכו' (לז, יא).

96 יוסף'ס זיידענע העמדעלע
(לז' ג, ד).

97 די ברידער האָבען פאַרקויפט
יוסף'ן פאַר א פּאָר שיך, „על מכרם
בכסף צדיק ואביון בעבור נעלים“
(עמוס, ב, א).

98 די זון, לבנה און שטערן האָבען
זיך אין חלום געבוקט צו יוסף'ן
(ל, ט).

99 יעקב האָט געריסען קריעה און געקלאָגט נאָך יוסף'ן, כאָטש ער האָט געלעבט. „ויקרע יעקב שמלותיו ויתאבל על בנו" (לז, לד).

100 יוסף איז צוויי מאָל געשטאָרבען; איין מאָל לויט דער נאָכריכט צו יעקב'ן און איין מאָל מיט זיין נאַטירליכען טויט.

שמות

101 פינסטער פאַר די מצריים, ליכטיג פאַר די אידען ביי מכת חושך (י, כג).

102 אין מצרים דורך דעם היישעריק שם, טו)

103 די מצריים ביי מכת בכורות (יב, ל).

104 דאָס בלוט פון קרבן פסח אויף די טירען פון אידישע הייזער האָט זיי געראַטעוועט פון אומקום אין דעם פלאָג פון מכת בכורות (שם, כג).

105 דער קרבן פסח (יב, יא).

106 פרעה מלך מצרים (שם, ל־לא).

107 אין מצרים (שם, לז).

108 פאַר די מצריים (יב, כט).

109 דעם „שה", אָפּגאָט פון מצרים, וואָס די אידען האָבען עפענטליך געשלעפּט איבער די גאַסען (שם, כא).

110 בצלאל, דער ארכיטעקט פון משכן, וועלכער האָט ניט געזען דעם געטליכען פּלאַן, נאָר בלויז געהערט פון משה רבנו, און אפילו ניט איינגאַנצען קאָרעקט, האָט דאָך אויפגעשטעלט דעם משכן און די כלים אבסאָלוט גענוי און ריכטיג, ווי אין פּלאַן (לא, א).

